STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10786

GROYSE VELT

Emmanuil Kazakevich

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמ. קאזאקעוויטש

גרויסע וועלט

לידער, פּאָעמעס און געשיכטעס

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“
מאָסקווע 1939

Эм. Казакевич.

БОЛЬШОЙ МИР.

Редактор *А. Кушниров.*
Техред *А. Фридкин.*
Корректор *А. Кармац.*

Сдано в набор 27/IX-1939 года. Подписано к печати 20/XI-39 г. Формат бум. 60×92 1/32. 4,5 п. л. уч. изд. листов 6,5. „Дер Эмес“ № 209. Уполномоченный Главлита РСФСР А—20958. Тираж 3500. Заказ № 678. Цена 2 р. 50 к., переплет 1 р.

17-я фабрика нац. книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига“, Москва, Шлюзовая наб., 10.

I

די גרויסע וועלט, וואָס רינגלט מיכ ארומ,
אונ אויכ די וועלט, וואָס איז אינ מיר פארבאָרגנ,
פארבונדנ זײַנענ מיט דעמ זעלבנ רומ,
די זעלבע גרויסע מוטערלעכע זאָרגנ.

ס'איז מײַנ פארשטאנד — א טייל פונ איר פארשטאנד,
איר ריזנ-ווילנ — אינ מײַנ קלענסטנ שטרעבנ,
כ'בינ גרייט מײַנ לעבנ אָפּגעבנ דעמ לאנד,
אונ ס'לאנד איז גרייט פארטיידיקנ מײַנ לעבנ.

ס'איז מײַנער — יעדער וויי-געשריי אינ רוימ,
אונ אויב נאָר מיר טוט וויי — טוט וויי א צווייטנ,
אונ אלע כאָוועג בלויז איינ גרויסנ טרוימ,
אז קיינעמ זאָל שוינ קיינמאָל גאָר ניט וויי טאָנ.

און צווייפל-שרעק, וואָס קומט באַנאַכט צו גיין,
האָב איך באַזיגט אַפ אייביק און אַפ שטענדיק.
אין יעדן הויז עס ווערט אַפ מיר אַ היים,
און יעדנס בליק איז מיר פאַרשטענדלעך.

II

אין יעדנס בליק פון בערינג-אײַז ביז באַלטיק
דײַן שײַן איך זע, דײַן גרויסן רום איך לייַ'ן.
אָקטיאַבער מײַנער, דו ביסט פילגעשטאַלטיק,
און איין געשטאַלט פון דיר בין איך אַליין.

און אויב מײַן קאָפּ פאַרשנײַדט זיך אינעם מאָרגן,
און אויב איך שטערב, איך פלאַקער און איך טו —
דאָס בעסטע, וואָס איך האָב אין זיך פאַרבאָרגן,
דאָס שענסטע, וואָס איך טראָג אין זיך, — ביסטו!

און לעבנס-לוסט, און זויבער-ריינעם נײַגער,
און האַס אָן ברעג, און ליבע אָן אַ שיר,
און שטענדיק גיין, נאָר קיינמאָל ניט פאַרבײַגיין —
דאָס אַלץ האָסטו אַרײַנגעהויכט אין מיר.

דו האָסט אין מיר אַרײַנגעהויכט אַ האַרטקײַט,
וואָס מײַנע זיידעס האָבן ניט געהאַט,

האָסט די אקשאָנעס זײערע אונ צארטקײַט
אינ מיר געלײַטערט אונ געבענטשט מיט טאט.

דערפאר איז גרויס מײַנ שטאָלצ, דערפאר איז זויבער
אָנ גײַציקײַט מײַנ לויב,
אָנ וואקלונגענ מײַנ וועג.
דו האָסט באשאפנ מיכ, אפ אײביק מיכ פארצויבערט
מיט שײַנ פונ רום, מיט קלאָרקײַט פונעם צוועק.

★

פּאָעמעס און געשיכטעס

צוג נומער 42

1

עס קלאַפּט א צוג אונטער די שטערן,
און ס'קלאַפּט דײַן הארץ און ס'קלאַפּט מײַן הארץ.
די נאכט איז טיף, די נאכט איז שווארץ,
און נאָר אַן איינזאַמער לאַמטערן
פליט דורך אינמיטן נאכט געשווינד,
טוט קוים א בליץ דאָרט און פארשווינדט.
פון טיפער נאכט דעם צוג אנטקעגן
לויפט אָן א סטאנציע צומאָל.
די וועלט איז ברייט, דער צוג איז שמאָל,
ער בויערט דורך די שטילע געגנט,
ער טוט א רויש צעווישן ביימער,
און אף א בריק א קנאל ער טוט
און פול מיט גוורע מיט געהיימער
ער גייט זײַן וועג — און אים איז גוט!

2

ס'איז גרויס דאָס לאַנד. עס לויפט דער וועג
פאַרביַי זאַוואָדן און קאָלווירטן,
פאַרביַי אַ וואַלד אַ ניט-געדירטן,
לענגויס אַ פעלדזיק-גרויען ברעג.
פאַרביַי געבייַען נייַע רוישט ער,
פאַרביַי די ציגל און געהילצ,
ער לויפט פאַרביַי אַן אָרט אַ ווילדס
און קומט אַראָפּ צו ברייטע גרויס-שטעט.
פאַרביַי די וויַיטן אומגעהויערע
עס לויפט דער צוג מיט קראַפט און ברויז..
די וועג-מײַסטערס, ווי די דאָקטוירים,
אַפּ סטאַנציעס אים הערן אויס.
אַן אַלטער סטרעלאָטשניק זייַן בענטשונג
אין גרינע פלעמלעך טראָגט אים צו.
מיט זאָרג דעם צוג באַגלייטן מענטשן —
צום וויַיטן מיזרעך יאָגט דער צוג!

3

אַ טאָג אַ ליכטיקער, אַ נייַער,
ציַנדט שטיל זיך אָן באַם האָריזאָנט.
דער הימל שפּילט מיט רויטן פיַיער,

די פעלדער ווערן גאָלדיק-בלאָנד.
עס טוט דער צוג א הויכן שאַל
מיט ברייטן אָטעם פון א גיבער,
ער יאָגט א צווייטן צוג אריבער
און שטעלט זיך אָפּ בא א וואָקזאַל.

4

פון רעכטס — א לאנגער עשעלאָן:
וואגאָנעס שטאָל, פּלאטפאָרמעס אייזן,
ציסטערנעס שווערע זיך באווייזן
און נאָך וואגאָנעס לויפן אָן —
זיי פירן לאסט-אווטאָמאָבילן.
פון איין וואגאָן מע הערט א בילן —
פול גרענעצ-הינט איז דער וואגאָן.
זיי שטייען מעכטיקע און דארע,
די שארפע אויערן געשפּיצט,
און צווישן זיי מיט א גיטארע
א בלאָנדער רויטארמייער זיצט.
אווטאָמאָבילן — דאָס איז רעכט,
און בראווע גרענעצ-הינט — געוויס רעכט!
און אלץ אהין — צום ווייטן מיזרעך
דורך העלע טעג און בלויע נעכט.

5

דער עשעלאָנ פארשווינדט אינ ווײַט,
און ס'יאָגט שוינ אָנ א צוג א נײַער,
און ס'ווילט זיכ פּלוצעמ פריידיק שרײַענ —
אפ איינ פלאטפאָרמע — א טראמוויַ!
אזא מינ פריילעכ-נײַער קוקט ער,
דערמאָנט אָנ העלנ רויש פונ שטעט,
און אָט אפילע מע דערזעט
די שילד: „דאָס אָרט פונ דעמ קאָנדוקטאָר".
עס שטייענ גרייט די וואסער-קראנענ,
עס הייבט דער סעמאפאָר די האנט.
צומ ווײַטנ מיזרעכ יאָגנ באנענ,
צומ ווײַטנ מיזרעכ שטראָמט דאָס לאנד.

6

אינ צוג איז טומלדיק און ליכטיק,
און ס'קלינגט געלעכטער איבעראל.
מע לאכט און מע דערציילט געשיכטעס,
דער לייענט, דער שלאָפט, דער פּאָרט ביכלאל.
מע ווארט אפ סטאנציעס אפ גרויסע,
נאָכ פרישנ אָקרעפּ לויפט מענ אָפּט.
דאָרט אויבנ מאכט מענ גאָר א קויסע,
און אונטנ שפּילט מענ דאָמינאָ.

מע לאכט, מע שפּאסט, מע עסט א קאוון,
מע פירט ראָמאנען און מע רעדט:
— כאבאראָווסק, קאָמסאָמאָלסק, סאָוגאוואן,
סוטשאן, וולאדיוואָסטאָק, פּאָסיעט.

7

— יאָ, כ׳קען אים גוט... א שווארצער, יאָ?
— א שווארצער. — אך, אין סעוואסטאָפּאָל!
— מײַן באנק איז אכט. — איך גיי געטאָפּלט.
— כ׳האָב ניט געזען זי פערצן יאָר...
— די מײַסע האָט פּאסירט קאַיאָר...
— זײַט אזוי גוט, דערלאנגט דעם גאָפּל...
— פארשפּילט, צו אלדי שווארצע יאָר!
— צום מאן איך פאָר, אין וואָראָשילאָוו...
— איך—צו מײַן זון, א קאָמאנדיר.
— אף סאכאלין מיט א קווארטיר
איז זייער שווער. — כאווײרים, שטילער!
— נו, כעווריע, הײַדא, קומט נאָך ביר!

8

עס פאָרט א באָכער, ס׳פאָרט א מיידל,
זי — נײַנצן, איין און צוואנציק — ער.
דאָ פאָרט א טרער פון דער צעשיידונג — —

א גרויסע קלאָרע מוטערס טרער.
עס פאָרט דאָ ציטער פון דערוואַרטונג,
עס פאָרט דער דאָרשט צו העכסטער הויך,
עס פאָרט דאָ אומגעדולד און צאַרטקייט,
און קליינע דייגעס פאָרן אויך.
אַפ ווייטן מיזרעך מ׳פירט אַריבער
די קראַפט די מענטשלעכע געטריי,
און אָט דאָס פאָרל פירט איר ליבע,
און אַלע שמייכלען: ס׳איז קעדיי.
עס שמייכלען: קאָמסאָמאָלסק, סאָוגאַוואַן,
פּאָסיעט, וולאַדיוואָסטאָק, אימאַן,
מע ווייסט שוין אַלע: זי הייסט כאַווע,
מע ווייסט, אַז שאָלעם הייסט איר מאַן.

9

עס זיצט באַם פענצטער שטיל די פאָר
און קוקט, ווי בלאָנדע פעלדער לויפן.
ער פילט דעם דופט פון אירע האָר,
זי הערט דעם קלאַפּ פון זיינע שלייפן.
„עס קלאַפּט מיין האַרץ און ס׳קלאַפּט דיין האַרץ,
און מענטשן שמייכלען אָן א סיבע.
זאָל זיין מיר פירן אונדזער ליבע,
ווי מ׳פירט צו מיזרעך ברויט און ערץ"...

10

און כאַוועֿ האָט אַ האַלבע נאַכט
געהערט, געלאַכט און ניט געשלאָפֿן.
געוועזן איז דאָס פֿענצטער אָפֿן,
זי האָט געקוקט און האָט געטראַכט.
דער ווינט האָט אירע האָר געשווינד
צעפּאַטלט און פֿאַרשטעלט דעם לאַנדשאַפֿט,
געפּלאַפּלט, ווי עס קאָן אַ ווינט
בײַ אַזאַ אויגנבליק־באַקאַנטשאַפֿט.
און איצטער שלאָפֿט זי, כאַוועֿ, שטאַרק,
איר כאָלעמט זיך אַ טאָל אַ ברייטער,
אַ באַרג, אַ זון־פֿאַרגאַנג אַ רויטער
און — שײַטערס, שײַטערס אויפֿן באַרג.

11

מע ווערט געווינט: מע ווייסט — מע פֿאָרט.
פֿון אָנהייב טראַכט מען פֿונעם אָרט,
וואָס מע האָט הינטער זיך פֿאַרלאָזן,
און מע דערציילט אַלץ אויס פֿון דאָרט.
ס׳קומט נײַער טאָג, געקליידט אין ראָזן.
בײַ מענער וואַקסט שוין אויף די באָרד,
אַ נײַער ווינט הייבט אָן צו בלאָזן,

12

מע טראכט שוינ וועגנ יענעמ אָרט,
ווּהינ מע קומט, ווּהינ מע פאָרט.

12

אוראל איז דורכ מיט הארבסט, מיט ווינט,
סיביר האָט פלוצעמ גאָר צעשנייט זיכ.
ס'גייט עמעצער אראָפּ. מע שיידט זיכ.
ער זאָגט צו שרײַבנ — אונ פארשווינדט.
ס'יאָגט אָנ זיי דער וואגאָנ מיט הינט.
אונ מע דערקענט אימ. אונ מע פרייט זיכ.
אונ ווידער: דרייט זיכ, רעדער, דרייט זיכ,
געשווינד, געשווינד, געשווינד, געשווינד.

13

אונ ווידער פול איז דער וואגאָנ
מיט הילכ פונ היימלעכנ געלעכטער,
מיט ענגשאפט אונ מיט פרייד מיט עכטער —
די פרייד באהערשט אונ פילט אימ אָנ.
עס בײַטנ זיכ די פרעמדע נעמענ
אונ ווערנ טייקעפ לײַבלעכ-נאָ'נט,
אונ יעדער נײַער האָריזאָנט
באווייט מיט פרײַנטלעכקײַט די ברעמענ.
אונ פול איז דאָ מיט טאבאק-רויכ,

מיט מענטשן און מיט טשעמאָדאַנען,
מיט טשײַניקעס די גרײס, ווי טשאַנען,
מיט מונטערקײַט, וואָס אָטעמט הויך.
צום ווײַטן מיזרעך פאָרן באַנען.
דער גלעזער שנייער-עליע — און כ.

14

אַן אַלטן גלעזער מעג מען גלויבן,
אַז ס'איז פאַרלאָזן אים אַ שאָד
זײַן אַלטע היים — אַ גאַנצע שטאָט,
וואָס האָט געקוקט דורך זײַנע שויבן.
זײַן ווײַב, זײַן ריווע, איז אַנציקט:
זי מאַכט — זאָגט ער — פון מיסט אַ גאָלעכ.
און ער איז זיך אַ קאַלטער מאַלעכ —
מ'עט זען — אויב ניט, איז אָפּ צוריק.
— איר פאָרט צו אײַער זון אַוואַדע?
— יאָ, צו מײַן זון, אין אַמורזעט.
און שנייער-עליע רעדט און רעדט —
אַ גאַנצע שנייער-עליאַדע.
איצט שלאָפט שוין שאָלעם, כאַווע הערט.
דער ייִד ז'בעטעווע אַ בורטשאַדלע:
זײַן ווײַב, זײַן ריווען, רופט ער „פאַדלע",
און זיך אַליין — „אַ ייִד אַ פערד".
אָבער ער ווייסט, דער ייִד דער קײַסן,

ביראָבידזשאַן, ווי זײַנע צען,
אזויווי ער וואָלט דאָרט געווען,
כאָטש ער געזעסן איז אין הײַסין.
ווײַזט אויס—מיט בריוולעך האָט געדעגנט —
די שנור האָט אים געשריבן אָפּט,
באַשריבן אים די גאַנצע געגנט —
איז ווייסט ער! — קאָנטשענאָ! — א סאָפּ!

15

דערווײַל אָט דאָרט אין עק וואַגאָן
א גרופּע יונגע אינזשעניערן
האָבן געלאָזט דעם פּאַטעפאָן,
און מענטשן קלײַבן זיך און הערן.
די נאָדל זידט מיט טויבע קלאַנגען,
זי שפּילט און שפּרינגט א ביסל צו,
ווי שיקער פונעם גאַנג פון צוג.
זי שפּילט אַן אויסלענדישן טאַנגאָ:
„טאַנגאָ, איך בעט אײַך, טאַנצט מיר אויס
א טאַנגאָ
פון טויזנט זאַכן, וואָס זײַנען אַפּ דער וועלט ניטאָ.
אין פּאַלמען-וועלדער, אין די פּרעריעס
אובאַנגאָ
שנעל טראָגט אוועק דיך מײַן העל-
אָראַנזשעווער אַוטאָ"...

די אינזשעניערן הערן שוואַך,
און זײַטיקע געשפּרעכן שטראָמען;
אָט ערשט פאַרטיידיקט די דיפּלאָמען,
און יעדער גרויסט זיך מיט זײַן פאַך.
מ'וועט בויען אין דער טײַגע וועגן,
און הײַזער בויען אין די שטעט,
זאַוואָדן ברענגען אין באַוועגונג,
סאָווגאַוואַן, קאָמסאָמאָלסק, פּאָסיעט.
און צווישן די געשפּרעכן לאַנגע
עס ציט זיך, ווי פון פּעך, ד'ער טאַנגאָ.

16

און ריווע, וועלכע האָט געשוויגן,
ווען שנייער-עליע האָט גערעדט,
הערט אויס פאַרטראַכט דעם טאַנגאָ-ניגון
און קוקט אין פענצטער אַלץ און בעט:
„קים, טי א קיק. ס'איז שיין צו קיקן.
קים, זעי, ווי ס'איז דער הימל בלאָוו...
נו זעיסטו?"
„ע, סע ניט מעסיקן,
מע פאָרט! — און קאָנטשענאָ! — א סאָפ!
מ'עט זען נאָר דעמלט, ווען מ'עט קימען"...
נאָר ריווע הערט ניט, פּונקט זי'ז טויב.

„מײַן װײַב, דו ביסט א פּאָלנע דימענט,
דו רײַסט זיך גאָרניט אָפּ פֿון שױב"...

17

און ריװוע קוקט און קוקט אין פֿענצטער.
ס'פּליט דורך א בילד און נאָך א בילד,
און ריװוע יעדעס מאָל דערפֿילט:
צום ערשטן מאָל די װעלט דערקענסטו!
בא אירע קאָטשערעס און טעפּ,
אמאָל — בא ליכט-בענטשן און טפֿילע
האָט זי א לעבן דורכגעלעבט
און זיך ניט פֿאָרגעשטעלט אפֿילע.
זי טוט א שמייכל צו א פֿרוי,
װאָס שטײט באַם װעג און האלט א ביכל,
און יענע פּאָכט איר מיט איר טיכל
און װערט פֿארשװוּנדן אינעם בלוי.
און פֿון דעם גרוס פֿון אָט דעם װײַטן,
און פֿון דער ברײט, און פֿון דער לענג
װערט ריװועס אינעם הארצן ענג,
נאָר װײנען שעמט זי זיך פֿאר לײַטן.

18

זי װאָלט אזוי געװאָלט דערציילן,
דערציילן אלעמען דערפֿון,

אַז זי פאַרמאָגט אַ גוטן זון,
ער דינט אַצינד אין גרענעץ־טײלן.
נאָר װעמען זאָגט מען אױס די פרײד,
און גלאַט — װער װעט עס װעלן הערן?
אַ מענטש — אַפּ ברוסט אַ רױטער שטערן, —
אין אַ פּילאָטן־פּרענטש געקלײדט,
גײט צו און זעצט זיך דאָ דערנעבן
און טײַער װערט ער איר. אַ שאָ
זײ רײדן װעגן זײער לעבן,
ער לאַכט און זאָגט איר: „Хорошо.
В Биробиджан. Ты слышишь, Лида?“
צו עמעצן אַ זאָג ער טוט,
און פּלוצעם װערט איר נאָך מער גוט
דערפון, װאָס ער איז אױך צופרידן.
אַרום װערט שטיל. די נאַכט איז גרױס.
די יאַטן פון דער לופט־בריגאַדע
מיט גרױסער צאַרטקײַט הערן אױס
די לאַנגע שנײער־עליאַדע.

19

אינמיט װאַגאָן איז פרײלעך זײער.
דאָ פאָרן בראַװע רױטאַרמײער,
מיט אױגן־בלױקײַט פול די בענק.
געמיטלעך זיצן זײ און ענג.

אָ, ווי עס קלינגט די מאַנדאָלינע,
ווי מײַלער זײַנען אָפֿן ברייט.
א ליד איבער די קעפּ זיך שפּרייט
און טוט א הייב זיך און א כלינע.
ס׳קומט צו צו זיי אן אלטער מאַן
און זעצט זיך צו און העלפֿט זיי אונטער.
ס׳קומט צו דער באָכער דער געזונטער,
וואָס פֿאָרט פֿון ווײַטן קאַזאַכסטאַן.
עס גייען שאָלעם צו און כאַווע,
עס וואַקסט די ליד אין ברייטן כאָר,
און לאַנג נאָך הילכן לידער בראַווע
אַזש ביז אירקוטסק, אַזש ביז קאַיאָר.

20

ס׳איז א געלערנטער דער אלטער,
באָטאַניק, זאָגט ער, איז זײַן פֿאַך.
„אוי, ס׳איז אַזאַ טשיקאַווע זאַך!“ —
שרײַט כאַווע אויס. דער אלטער לאַכט
און גלײַך א גאַנצע רעדע האַלט ער.
די בעקלעך זײַנען ווערן רויט,
א דיקלעכער, ער שמייכלט אונטער,
אין האַנט ער קײַקלט שטיקלעך ברויט, —
און זייער אַלט איז ער און מונטער.
ווי פֿאַר א שול-אַודיטאָריע

זײַנ קאָפּ צום טאקט פונ רײד זיכ װיגט:
„מיר פאָרנ, הײסט עס, אינ פרימאָריע
אונ צום אמור. ס'האָט אונדז געשיקט
די אקאדעמיע. עס פאָרט שוינ
אפּאראטור פאר אונדזער פאָרשונג.
עס איז באװוסט — כאָטש ניט גענוי,
אונ דאָס זײַנע דערװײַל נאָכ סװאָרעס,
אז דאָרטנ קרײצנ זיכ צונויפ
דרײַ! גאנצע דרײַ פארשײד'נע פלאָרעס!
דרײַ װעלטנ זיכ פארקניפּנ דאָרט!
פארשטײט איר, װאָס דאָס קאָנ פארשפּאָרנ?
אָנשטאָט אינ הונדערט ערטער פאָרנ,
דערלערנענ מיר אײנײנציק אָרט.
די מיטל-אײראָפּײער פלאָרע,
די צאָפנ-פלאָרע אונ ס'קאָנ זײַנ —
סובטראָפּיק-עלעמענטנ קלאָרע...
פארשטײט איר? טראכט זיכ גוט ארײַנ!
איר, שאָלעמ, מעגט אהינצו קומענ
פאר אײַער כאװענ קלײַבנ בלומענ"...

21

דער צוג פליט דורכ די אנגארא,
טונעלנ טיפע טויזנט קלאפּטער,
ס'טוט עמעצ א געשרײ „הורא"!

אונ אלע בלײַבנ שטײנ פארגאפטע.
אײנ אופגאנג, פלאמענדיק אונ קאלט,
דעמ צוג באגעגנט דער בײַקאל.
ער טוט זיכ פארנ בליק א שטעל,
ווי א פאנטאסטיש-ברײטע שוועל,
צו עפעס גרויס אונ אומפארשטעלעכס.
ער קומט ארויס פונ שווארצער נאכט
כאאָטיש, מעכטיק אונ אומענדלעכ;
ער טוט א בלענד מיט רויטער פראכט,
פארגיסט די וועלט מיט שארפער בלענד-ליכט.
ס'איז גרויס אזוי די שײנקײַט העלע,
ס'איז שטארק אזוי די שטרענגע קראפט,
נו זאָגט אלײנ, אז שנײער-עליע
בלײַבט שטומ אונ קוקט אונ איז פארגאפט.

22

„עס איז אנ אָזערע בײַקאל, —
זאָגט א פארשוינ, וואָס אלצדינג ווײסט ער. —
אינעמ בײַקאל ז'דאָס וואסער קאלט,
פאראנ א פיש — איז אָמול הײסט ער".
ער נעמט אראָפ די שווארצע פוישטנ
אונ דינ אונ שטארק ניט מוזיקאל
פארציט די ליד וועגנ בײַקאל,
אונ אלע גײענ אָפ אנטוישטע.

23

ס'הייבט אָנ פארשפעטיקנ דער צוג,
די מענטשנ זײַנענ ניט צופרידנ,
מיט טײַנעס פרײַנטלעכע אונ מידע
צו דעמ באגלייטער שטייט מענ צו.
אונ רויִק ענטפערט דער באגלייטער:
„ס'טרעפט א י כ, אז ער פארשפעטיקט ניט". —
אונ גייט אוועק מיט שטילע טריט,
אונ דאָרט שטייט צו צו אימ א צווייטער.
ס'גייט שנייער-עליע צו צומ יאַט,
וואָס פאָרט בישכיינעס: „זוגט נאָר, כאָווער,
ס'איז אונדזער פאָיעזד א פאָטשטאָווער,
א פאסאזשירסקער אָדער גלאט?"
„מיסטאמע נ י ט גלאט",— ענטפערט שאָלעמ.
אונ צײַט איז אָנ א שיר פאראנ,
נעמט יענער ריוועג בא דער פאָלע
אונ גייט מיט איר אינ רעסטאָראנ.

24

דער רעסטאָראנ איז זייער פול,
אינ ווײַסע סערוועטנ — די טישנ.
קוימ-קוימ אנ אָרט געפונענ צווישנ
דער וואנט אונ עמעצנס א שטול.

א פּאָר שיקורים דאָ דערנעבן
פּארטרינקען די פּאָדיאָמנע נעבעך.
„קלײַב אויס, וואָס קוקסטו ווי אין טארגום? —
זאָגט שנייער-עליע, — סוף און אָפּ!
וואָסי? מע דארף עס שטענדיק קארגן?
מע הוליעט! — קאָנטשענאָ! — א סאָפּ!"
און ריווע וואונדערט זיך א ביסל,
וואָס שנייער-עליע איז בּיכלאל
געוואָרן פריילעך באַם בײַקאל —
ער בורטשעט און ער לאכט אין שיסל,
באקוקט מיט א פארזאָרגטן פּאָנעם
דעם זייגער און טוט שטיל א זאָג:
„יאָ, ער שטייט אָפּ פון טאָג צו טאָג —
די ערד איז קײַלעכדיק אפּאָנעם".
און נאָכדעם שוין, אין דעם וואגאָן,
ער טוט א זאָג צו כאוועג: „זעט איר,
ס'וואָלט גוט זײַן, איר מיט אײַער מאָן
זאָלט אויכעט ווערן אמורזעטער"...
„היי, שאָלעם! — אלע לאכן הארציק, —
דער אלטער צו דײַן כאוועג שארט זיך!"

25

און שאָלעם טראכט. אים דוכט זיך אויס,
אז אלץ איז בלויז א שיינער כאָלעם.

ער ווייסט, אז ער איז גליקלעך, שאָלעם,
אז דאָס איז ווונדערלעך און גרויס.
ער קלערט, ווי ער האָט זיך געלערנט
אפּ טעסלער-קורסן אין אָדעס.
נאָר ס'דאכט — ס'איז פון א צווייטן לעבן —
דערמאָנסטו זיך — איז גלײַך פאַרגעס.
דאָס אלץ געווען איז נאָר א בלייכע,
א שוואכע פאָרעדע דערצו,
וואָס פילט אים אָן מיט העלן שמייכל,
וואָס איז אין כאוועו, אינעם צוג,
אין אים אליין, אין זײַנע פלענער,
וואָס אין די טרוימען זײַנע ליגט,
און איז ניט גרעסער און ניט קלענער
פון אָט דעם וואָרט דעם קורצן: — גליק.
זײַן שטעטל איצטער אים דערמאָנט זיך,
דער אלטער טאטע אפן שוועל
און כאוועס קליינער ברודער כאָנצ׳יע —
זײַן ענגע פריִערדיקע וועלט.
און זייער אלטער רויטער גאנעק,
און דער סטאוואָק מיט דעם טשערעט
איז ווײַטער, איידער די באָטאניק,
פון וועלכער מ'האָט דאָ ערשט גערעדט.

26

די קאָמאנדירנ שטייענ אופ
די מאנטלענ נעמענ פונ די הענגערס,
די שטיוול ציִענ שטײַפ ארופ
אונ ווערנ פעסטער, ווערנ שטרענגער.
די שטיוול בלאנקענ — שווארצער זײַד.
די רעוואָלווערנ — אפנ גארטל,
אונ די פלאנשעטקעס — בא דער זײַט.
זיי ווערנ שטרענגער, ווערנ הארטער,
זיי ווערנ גרייט, ווי אפנ פראָנט:
— דער ווײַטער מיזרעכ איז שוינ נאָ'נט.

27

עס קומענ אינ וואגאָנ ארײַנ
דרײַ הויכע בערדיקע גיבוירימ.
מע זעט — אינ טײַגע-טיפ געבוירנ,
זיי קריגנ גלײַכ א מענגע פרײַנט.
זיי זײַנענ גאָלדזוכער, די דרײַענ,
א גאָלד-גרוב איז אָט דאָ, באמ טײַכ.
אונ שנייער-עליִע פרעגט זיי גלײַכ,
צי וועט אפ לאנג דאָ גאָלד נאָכ סטײַענ.
„ביז צענטנ דאָר איבערנ קאָפ“, —
מע ענטפערט שמייכלענדיק אימ אָפ.

28

מיט אָפשײַ קוקט ער אפ די דרײַ
אונ אינעמ פענצטער קוקט מיט אָפשײַ.
דער װײַטער מיזרעכ, גרויס אונ פרײַ,
ליגט אינעמ גלאנצ פונ זונענ-אָפשײַנ.
ער ליגט א ברייטער, װי א גוויר,
אפ זײַנע אויצרעס זײַנע רויע.
אינ אָוונטיקנ זונ-קאָליר
עס גרינט אפ אימ די װילדע כוואָיע.
אונ טײַכנ פליסנ איבער אימ,
אונ װעלדער רוישנ אפ זײַנ רוקנ.
אָט ליגט ער — נאָענט אונ גערימט —
אונ ס'װילט זיכ קוקנ, קוקנ, קוקנ.

29

עס קראכט דער צוג דורכ טיפע יארנ,
דורכ בריקנ אײַזערנע ער פליט.
ער זינגט זײַנ זיגערישע ליד
דורכ אורוואלד פינצטערנ אונ שטארנ.
דאָס איז א ליד פונ מענטש פונ גוואר,
װאָס רײַסט זיכ דורכ דורכ טיפסטע טיפנ,
דאָס זײַנע מײַסעס װעגנ שיפנ,
װאָס לאכנ אויס זיכ פונ געפאר,

דאָס שאַלט די שטים פֿון פֿאָלק דעם האַר,
פֿון פֿאָלק, וואָס האָט זײַן ציל באַגריפֿן.
עס לויפֿן צוגן אָן אַן ענדע
מיט נאַפֿט און אַרץ, מיט שטאָל און בלײַ.
דער ווײַטער מיזרעך לויפֿט פֿאַרבײַ
אין בלויע רויכן פֿון לעגענדעס.

30

און וואָס אַ שאָ ווערט נע'נטער אַלץ
די שאָ פֿון שיידונג מיט די מענטשן,
וואָס מ'האָט דערוווּסט זיי און דערקענט שוין.
מע שעמט זיך וואַרפֿן אַפֿן האַלדז.
נאָר ווען מע קלײַבט די טשעמאָדאַנעס
און ווען מע טוט זיך אײַליק אָן,
ווערט שיר אַ שאָד אַוועק פֿונדאַנען,
און ריווע ווייסט ניט וואָס צו טאָן.
און אָט — אָבלוטשיע לויפֿט פֿאַרבײַ,
און שנייער-עליע זאָגט מיט כידעש:
„געקומען. ס'איז די שילד אַפֿ ייִדיש"...
נעמט ריווע דרייען זיך אַפֿסנײַ
און קוקט, און שיר זי טוט אַ כליפֿע,
זאָגט צום פּראָפֿעסאָר: „הייסט עס — אָט"...
און לאַנג און האַרציק און מיט ליבע
זי דריקט די האַנט באַ דעם פּילאָט.

31

שוינ אָנגעטאָנ, סע שטייט נאָכ כאווע
באמ פענצטער שטיל אונ ערנסט שטארק
אונ שרײַט צו שאָלעמענ, וואָס האוועט:
„דו זעסט דאָרט? שײַטערס אפּנ בארג!
עס ברענענ שײַטערס בא דער באנ,
אונ אפנ בארג סע ברענענ שײַטערס,
אונ דאָרטנ, דאָרט, א ביסל ווײַטער,
סע שײַנט די שטאָט בירָאָבידזשאנ״!..

. . . .

32

איז בלײַב געזונט, דו העלער צוג!
זאָל פרידלעכ גיינ דײַנ גרויסע רײַזע.
פיר אלע מענטשנ פרײַנטלעכ צו
צו שטעט, צו דערפער אונ צו הײַזער.
אדיע! איכ ווײַט זיכ שנײַד ארײַנ,
פארגיי איכ מיזרעכדיקע רוימענ,
דו, אונדזער אלטער גוטער-פרײַנט,
באגלייטער פונ די שענסטע טרוימענ.
דו ביסט געווענ דער ערשטער איידעס
פונ אונדזער דראנג צו בלויער שוועל.
דו האָסט מיט ברייטנ שאל פארזייט דאָס,

וואָס איצט איז אופגעגאַנגען העל,
אַף מיזרעך-שטרעקעס, ווען ס'וועט טאָגן,
כ'וועל זײַן מײַן לעבן טאָן אַ קוק,
כ'וועל זיך פאַרטראַכטן און כ'וועל זאָגן:
„בערייישיס איז געווען דער צוג".
איך זײַ, מײַן צוג, געזונט! דײַן ליד
זאָל קלינגען דאָרט צו אַלע מענטשן:
דער ווײַטער מיזרעך איז איין בלי!
דאָס לאַנד איז פול מיט פרייד און בענטשונג! —
פאַרשווינד, מײַן צוג, אין ווײַט פאַרפלי!

1939

א שטאָט ווערט געבאָרן

ווען ס'רײַסט ארויס זיך פון דער ברוסט א ליד
און הייבט זיך אוף מיט קראפט צו הימלען גאָרע,
און ווי אן עפּלבוים א ווײַסער זי צעבליט
און שפּרייט זיך אויס — א שיינע און א קלאָרע;

די ברוסט ווערט ברייט, דאָס אויג ווערט וווּנדער-גרויס,
און ס'קומט א ברייטע נאכט אפ שטילע לאָנקעס —
איך גיי ארויס אין אָט דער נאכט און בלאָנקע,
און זאָל דײַן הארץ זיך אָנצינדן מיט ברויז.

ס'ליגט שווארץ די נאכט אפ וועגן, ווי א קישעפּ,
דאָ טוט א הויך מיט ליבשאפט פון א יִשעוו,
מיט פֿײַערלעך, מיט לידער און געשריי,
מיט זיצונגען, וואָס גייען נאָך דער ריי,
מיט באנען, וועלכע האלטן אין איין קומען,

און יעדער באַנ ברענגט צו א שטיקל פרייד
און איז א הויכער טרוים און א דאָקומענט...

די שטאל, וואָס איך אליינ האָב זי געבויט,
געווענ איז דאָ אמאָל די גרעסטע בויונג
אינ אָט דער שטאָט. איך האָב געשטעלט זי פלויט,
אוועקגעלייגט א בריק פונ שווארצע שפאלעס
און כ׳האָב געלאָזט אינ גאנג אָט דעם „סאריי״
ווי א קינאָ און ווי א קלוב צום ערשטנ מײַ.
און שטאָט האָט זיך געוווּנדערט אפ דעם „פאלאץ״,
וואָס שײַנט מיט פאָנעס אופ אפנ קווארטאל —
נאַיוו און האמעטנע, נאָר פול מיט גוטע מיינונ.
איצט איז די שטאל — א שטאל. א גאנצ געמיינע,
אנ אלטע שטאל.

דאָס וואקסט א שטאָט, און צווישנ בערג און טאָלנ
ווערט שטאָטיש דער געדויש, און גרויס — די וועלט.
דאָס ווערט דעראָבערט אלצ, וואָס האָט געפעלט,
און אָנשוילעכ ווערט אלצ, וואָס מ׳האָט געכאָלעמט.

עס קומט א באַנ מיט טומל און בעהאָלע,
מיט מענטשנ פונ באָברויסק און פונ לוהינ,
פונ קריטשעוו, פונ קאכרילעווקע און שפאָלע,
מיט אקסלענ ברייטע, מיטעלע און שמאָלע,

מיט אויגן גרויסע פול מיט דאָרשט און זין,
מיט הארבע טאטעס, צארטע מאמעס, ליבע זין,
קאָן זײַן — מיט לאסט פון טויזנט יאָרן גאָלעס,
קעדיי צו ווערן מענטשן אפדאָסנײַ —

און ס'וועט זיי שווער זײַן. ס'וועט זיך הערן „אײַ!"
און „כאָכמעס" וועלן הערן זיך און קלאָלעס.

עס קומט דער באן מיט טויזנטער גוירעס,
מיט ברום, מיט טאבאַרישן פערד־געשפאן,
אהער, אין יונגער שטאָט, קומט אָן דער באן —

באגעגנט גוט דעם באן, כאווײַרים!

די נאכט באגעגנט אים מיט טויזנט שטערן,
די נאכט באגעגנט אים מיט קאָנטורן פון ווערן
און מיט לעוואָנעדיקע שאָטנס בא די טריט.
די נאכט באגעגנט אים מיט מיזרעכדיקן קישעפ,
מיט דופט פון שניי, מיט בליִונג פון א יישעוו,
מיט נײַעם גליק, מיט פורפור פון גאנצפרי.

און ליכטיק ווערט מיר אין דער נאכט אפילע,
און ס'איז קיין מינדסטער צווייפל שוין נישטאָ,

און וווּנדערלעך און זעלטן קלאָר דערפיל איך:
איך בין דער שטאָטס און מײַנע איז די שטאָט.

אָט גייען מענטשן. אָט גייט דער און דער,
און כ'קוק אַף אים, ווי כ'זע צום ערשטן מאָל אים.
ער זעט, ווי איך: אַ וואָר איז שוין דער כאָלעם,
וואָס האָט אַמאָל געטריבן אים אַהער.

אַ צווייטער גייט, אַ קליינער און אַ זשוואַווער,
געשטיוולט, אָנגעפּעלצט. ער קײַקלט זיך און שײַנט.
ער ווייסט, ווי איך, אַז איך בין אים אַ כאַווער,
איך ווייס, ווי ער, אַז ער איז מיר אַ פרײַנט.

מיט זיי האָב איך אין טרויער-טעג געטרויערט,
געפרייט זיך אין די טעג פון גרויסער פרייד,
געטראָגן ציגל צו אָט יענעם מויער
און ניט גערעדט דערבײַ קיין שיינע רייד.

מיט מיר צוזאַמען האָבן זיי געצאָרנט,
ווען פײַנט האָבן געוואָרפן סאַם אין ברויט,
מיט זיי איינעם כ'האָב די שטאָט געבאָרגן,
מיט זיי — געקרענקט, געווייטעקט און געבויט.

איצט זײַנען מיר געוווינט צו דעם געפּלאַטער
פון דריטע שטאָקן, צו דער שיינער גאַס,

צום ברוק, וואָס איז ניט בלאָטיק און ניט נאַס,
געוווינט געוואָרן צום דעם שטאָט-טעאַטער,
וואָס הייבט זיך פֿײַן באַלויכטן איבער קעפּ
מיט דאַמפּ-באַהייצונג און אַספאַלט פֿון טרעפּ.

צום טעלעפאָן, צום אויטאָבוסן-קלאַנג,
צו דעם וואָקזאַל, צום ראַטן-הויז, צום דראַנג
פֿון מענטשן-מענגעס, צום קאָנצערט פֿון זינגער.
און דאָס, וואָס איז געווען בלויז אַ פֿאַרלאַנג,
איז איצטער וואָר. און זעט נאָר — גאָר ניט לאַנג
די אײַנוווינער געוווּסט כ'האָב אויף די פֿינגער,
געוווּסט, מיט וואָס צו מאַכן יעדן באַנק,
געוווּסט, מיט וואָס צו מאַכן יעדן גרינגער.

און איצט איז מענטשן פֿול. די זון-שײַן בלענדט.
אַ פֿרייד, אַ דראַנג, פֿלאַקאַטן, רויטע פֿאָנען.
די פֿענצטער — אָפֿן, אָפֿן שיִר די ווענט,
און פֿון די פֿענצטער קלינגען פּאַטעפֿאָנען
מיט שובערטס „מוזיקאַלישן מאָמענט".

מײַן היים-שטאָט! כ'האָב דײַן יוגנט-ברויז דערקענט
אין וואָכעדיקער פֿרייד פֿון דײַנע מענטשן.
פֿון צוואַנציק „מוזיקאַלישע מאָמענטן"

ווערט גאנצע שטאָט א מוזיקאלישער מאָמענט.
אונ ס'רײַסט ארויס זיכ פונ דער ברוסט א ליד
אונ הייבט זיכ אופ צומ הימל צו דעמ קלאָרנ,
אונ ווי אנ עפּלבוימ א ווײַסער זי צעבליט
אינ יונגער שטאָט, אינ שטאָט פונ מײַנ געבאָרנ.

דאָס וואַלד־מיידל

מיר האָבן אָנגעצונדן שײַטערס:
פֿונוויַיטן איז געגאַנגען אַ „פּאַל"[1].
דאָס איז געווען אַ פֿײַער־וואַל
פֿון פֿלאַמען רויטע און פֿאַרשײַטע.
ער האָט געבושעוועט, דער פֿלאַם,
פֿון ווינט דערנערט, מיט גראָז געפֿיטערט,
ער האָט פֿון גרימצאָרן געציטערט
און האָט געכוואַליעט, ווי אַ יאַם.
און צינדנדיק די קוסטעס־שפּיצן,
איז פֿלינק דער „פּאַל" געגאַנגען צו אונדז.
נאָר מיר האָבן געוווסט די קונסט
ווי פֿונעם „פּאַל" זיך צו באַשיצן.

---

1 פּאַל — אין וויַיטן מיזרעך צינדט מען אונטער די גראָזן, קעדיי צו פֿרילינג זאָלן אויסוואַקסן נײַע. דער דאָזיקער סטעפּ־פֿלאַם הייסט „פּאַל".

מיר האָבנ אים זײַנ דראַנג געשטערט:
מיר האָבנ אָנגעצונדנ שײַטערס
אונ אָפּגעטראָטנ עטוואָס ווײַטער —
אפּ שווארצער אָפּגעברענטער ערד.

צענ יאטנ זײַנענ מיר געווענ דאָרט,
די אויגנ — העל, די אקסלענ — ברייט.
מיר האָבנ דאָ געהילצ פארגרייט
פאר עקספּאָרט אינ די פרעמדע לענדער.

עס איז געווענ דאָ מאָטל פלאַט —
א ווילער יונג, דער בעסטער זעגער,
אונ מוישע מינצ — א יאט א יעגער,
אונ שימענ רימסקי — בלויז א יאט,
דער אמורזעטער ברוק — דער גיבער,
דער פריילעכער וואלדהיימער ברוק,
איוואנ קאָריאק — א יאט א ליבער
(ער זאָגט: «Всего десяток штук»).

אונ יעדער איז געווענ יונג,
אונ ליב אפּ יעדנס שניט באזונדער,
אונ יעדער האָט פארמאָגט זײַנ וווּנדער
אינ טײַגע-טיפ, אינ זעגנ-קלונג.
אונ אָט — צעווישנ פײַער-שפּיזנ

אין ברום פון „פאל" האָט — אומדערהערט! —
א קאָפּ אווילדער פון א פערד
זיך אינעם רויטן פלאם באוויזן.
דאָס איז געווען מעשונע-ווילד —
מיר האָבן פלוצעם גלייך דערפילט,
ווי שווארץ די נאכט, ווי נאָ'נט דער פלאם איז,
ווי ווייט מיר זיינען פון די מאמעס,
ווי גרויס דער וואלד, ווי שטארק דער ווינט.
. . . .

עס טוט דאָס פערד א שפרונג געשווינד
מיט רויטע פונקען פארפּאָראָשעט.
„פאכדאָנים! ס'איז א רייטער פּאָשעט!"

און דעמאָלט איז צו אונדז אראָפּ
א מיידל אין א ראָזער מייקע.
דער ווינט מיט קינדערישער פרייקייט
צעשויבערט האָט איר בלאָנדן קאָפּ.

געווען מיר זיינען זייער יונג,
און אָט די פּראָסטע בלאָנדע פּאטלעס,
און אָט דער מענערישער שפרונג
פון זאָטל, און די הויט, ווי אטלאס,
און אָט די ווילדקייט פון א פרוי,
וואָס איז דערשינען ווי פון פייער,

און אָט דאָס בלאָנד, און אָט דאָס בלוי,
וואָס פּלוצעם ווערט עס ליב און טײַער,
און אָט דער בליק, און די שוואַרצאַפּלען! —
און הערט איר, ווי די הערצער צאַפּלען!

מיר זײַנען שטאַרק געווען אַנציקט,
די גאַנצע וואַלד־פאַרגרייטונגס־גרופּע.
דאָס מיידל האָט געהייסן ליובע,
זי איז געקומען פון באַצירק
צו זאָגן: ס׳האָט דאָס אײַז געריירט זיך
און מ׳דאַרף זיך גרייטן גלײַך צום ספּלאַוו.
זי האָט געגלעט דאָס פערדל בראַוו,
געשמעקט מיט זוניקע געווירצן,
זי האָט געבראַכט מיט זיך דעם טאַם
פון ווילדע ברענענדיקע גראָזן.
זי איז געווען „די פרוי אין ראָזן",
וואָס יעדער טראָגט אין האַרץ מיסטאַם.

נאָר זי האָט זיך צעשמייכלט באַלד:
„וואָס זײַט איר שטיין געבליבן אַלע?
איך בין שוין א מעסלעס אין וואַלד!
נעמט פּאָיעט אָן דאָס פערד — עס כאַלעשט!"

ווי ס׳וואָלט פאַרשוווּנדן א מיראַזש,
עס איז געוואָרן גלײַך א ראַש,

א זוכעניש און א גערודער.
מע הייבט אָן צוגרייטן די סודע.
סע קאָכט א קעסל טיי באַם שײַטער,
אַף א פּעניאַק ליגט פליישׁ און פֿיש —
ניט ווי בא לײַטן אין דער טיש,
אָבער די סודע זעט אויס לײַטיש.

ווען זי האָט זיך צום „טיש" געזעצט,
האָט איינער אײַנגערוימט דעם צווייטן,
געפרעגט: „א, ווי געפעלט זי, זע"...
געזאָגט: „איך ברענג איר מאָרגן קווייטן"...
גערעדט: „א ווילע. אָך, א מויד!"
געברומט: „זי איז דיר אויך געפעלן?"...
געטראכט: „דיר מעג זיך גאָרניט ווערן".
געשעמט זיך: „גיי דערלאנג איר ברויט".

נאָר גלײַך האָט אופגעהערט דער טומל —
מיר זײַנען שטיין געבליבן שטומע:

דאָס מיידל האָט פארקעמט די צעפּ.
די צעפּ זײַנען געווען ווי גינגאָלד,
מיט שײַטער-גלאנץ ארומגערינגלט.
דאָס מיידל האָט פארקעמט די צעפּ.
דער שטורעם האָט זיך אויסגעשעפּט,

און ווי פון קווייטן ציט מיט האָניק,
א צי געטאָן האָט מיט דערמאָנונג:
א מיידל, וואָס פארקעמט די צעפּ.
און אָט דאָס מיידל איז אליין
געווען ווי א דערמאָנונג שיין,
און ווי א ווײַטער טרוים לעוואָניק,
געווען ווי די לעוואָנע קלאָר,
און דאָס, וואָס זי געווען איז וואָר,
איז אויך געווען, ווי א דערמאָנונג.

און אלע האָבן מיר דערפילט,
ווי הערצער ווערן פול מיט כוואליעס,
ווי ס'ווערט אין ברוסט א „פאל" פארפאליעט,
און אָט דער „פאל" איז צארט און ווילד.

דערזעען האָבן מיר פארגאפט:
מיר זײַנען יונגע, דרייסטע, פעסטע,
און אז אין יעדנס הארץ זיך נעסטיקט
די שוואלב פון צערטלעכקײַט און קראפט.

מיר האָבן נאָכדעם לאנג פארבראכט
מיט אָט דער ליובע אָט דער ווילער,
און איבער אונדז דער רויטער מוילעד
האָט אזוי קײַלעכדיק געלאכט.

און שטארק פארליבטע, זייער יונגע,
מיר האָבן שטיל און לאנג גערעד'ט,
מיר האָבן לאנג און הויך געזונגען
אזש ביז באגינען, אזש ביז שפעט.

פארלאָשן האָבן מיר די שײַטערס
און צוגעפירט צו איר דאָס פערד,
זי אופגעהויבן צארט פון דר'ערד,
און זי איז גרייט צו פליִען ווײַטער
צו צווייטער כעוורע צו פארשײַטער,
צו אָנזאָגן: דער טײַכ זיך קערט!

אין קרומע שטראלן פון דער זון,
צעווישן הויכע גראָזן ווייכע,
האָט זי באקוקט אונדז מיט א שמייכל
און האָט געזאָגט אונדז: „זײַט געזונט.
זעט, די קאָמיוגישע דעליאנקע
זאָל זײַן די ערשטע אפן ספלאוו.
אזעלכע יאטן פעסטע, שלאנקע!"...

. . . .

איוואן האָט שטיל געזאָגט: „Ушла"

צען יאטן זײַנען מיר געווען
און שטום געבליבן זאלבעצען.

נאָר יעדער האָט געדאָרשט — איך ווייס! —
איביידע ברוקס, אי מינצ, אי מאָטל,
צו רײַטן אין א צווייטן זאָטל
מיט אָט דעם מיידל זאלבעצווייט,
געדאָרשט מיט איר אין ווײַט א פלי טאָן...

נאָר ווײַט איז ווײַט און ספּלאוו איז ספּלאוו,
און מיר האָבן מיט נײַער קראפט
גענומען בינדן שווערע פליטן.

ס'האָט נאָך פון ווײַט געברענט דער „פּאל",
וואָס ער האָט זי געבראכט אהערצו —
א העלן ווינט, א הייסן שטראל
אין יונגע און פארליבטע הערצער.

לעוואָנע־סאָנאטע

עס איז א פראָסט בא אונדז מיט א לעוואָנע,
אונ ס'דאכט — פונ דער לעוואָנע גײט דער פראָסט,
אונ די לעוואָנע שײַנט ווי די דערמאָנונג,
וואָס מאכט אלץ פראָסטיק, קײַלעכדיק אונ פראָסט.

אונ זאָל זי זײַנ דער אײדעס פונ מײַנ הארטקײַט,
וואָס האָט זיך איצט מיט שרעק פונ טויט פארוועט,
דער אײדעס פונ ניט אויסגעדריקטער צארטקײַט,
וואָס איז שוינ איצטער אויסדריקנ צו שפעט.

דער אײדעס פונ מײַנ צאר, וואָס פלײצט אריבער,
ווי כוואליעס בלוט, די נאכטיש-בלאנקע רו.
דער אײדעס פונ ניט אויסגענוצטער ליבע,
וואָס קאָנ איצט פליטנ טרײַבנ שטראָם-ארופ.

זי, וואָס האָט מיך מיט מילכיק-ווײַסע גארבנ
אינ יענער נאכט אכזאָריעסדיק באטויט,

ווען כ׳בין געלאָפן פול מיט דורשט צו שטארבן,
קעדיי פארגעסן וועגן טויט.

מיין טאטע איז אוועק אין ווייסן פראָסט,
אין ווייסן פראָסט, מיט שווייגנדיקע ליפּן,
און מיט דער מאמען איינזאם מיך געלאָזט,
און אָט אזוי בין איך מיט איר געבליבן.

גיי ניט אוועק, מיין מאמע, בלייב לעם מיר.
ס׳וועט ווארעם זיין, כ׳וועל איינהייצן דעם אויוון.
און זאָלן טירן ערגעץ סקריפּען מיד,
זאָל בלאסע שיין אראָפּפאלן פון אויבן.

ווער וועט אָן דיר, ווען איך וועל ווערן קראנק,
א גלאָז מיט ווארעם מילך דיין זון דערלאנגען?
און ווער וועט ליבן מיך, ניט בעטנדיק קיין דאנק,
ווער וועט מיך כאָוועז און קיין ענטפער ניט פארלאנגען?

און אויב איך וועל אין ווייטער וויט פארגיין,
פון גרויסן ווינט פארצויבערט און פארשיקערט,
ווער וועט מיר זיין א סימען פון א היים?
ווער וועט מיר זיין א זייכער פון צוריקער?

ווער וועט דערמאָנען, אַז איך דאַרף שוין, נײַע שיך?
און ווער וועט וואָרענען, אַז הײַנט איז קאַלט אין דרויסן?
מע דאַרף, אַז דו זאָלסט איבערלעבן מיך,
דעם הילפלאָזן דעם קינדישן און גרויסן,

מיט אַזאַ קלאָרן קאָפּ און דאַרן לײַב,
מיט אַזאַ בענקשאַפט נאָכן בלענד פון אַלע וועגן.

איז גיי זשע ניט אַוועק, מײַן מאַמע, בלײַב,
און לאָמיר שטיל זײַן, לאָמיר גאָרניט פרעגן,
און זאָל דער אויוון פלאַקערן אַנטקעגן,
און זאָלן טרערן אָפּקילן, ווי בלײַ.

מײַן מאַמע איז אַוועק אין ווײַסן פראָסט,
אין ווײַסן פראָסט, אין פראָסטיקער לעוואָנע.

ווער שעפּטשעט עס אין שטים פון עם נאָרדאָסט?
ווער רעדט אין צימער פינצטערן איינטאָניק?
טויט, דאָס ביסטו? דו האָסט פאַרמעקט די מאָס
פון מוט און פּײַן, פון צוקונפט און דערמאָנונג.

ס׳איז שטיל, ס׳איז שא. א פראָסט מיט א לעוואָנע.
און אלץ איז פראָסטיק, קיילעכדיק און פראָסט.

לעוואָנע פארבט מיך אויס אין ווייכע גרינס,
אין בלאסע גרינס פון שטייענדיק געוויסער,
ווי האמלעטן, דעם דענעמארקער פרינץ,
אין דענעמארק, אין דענעמארק דער טפיסע.

מיין דאָר איז דרייסט און פול מיט גרויסע דאָרשט,
אָן וואקלונגען, מיט אויגן ברייט צעעפנט.
איך בין א זון פון אָט דעם שטאָלצן דאָר,
און ס׳קאָן מיין האנט דעם ערגסטן סוינע טרעפן.

רופט אָן אָט דעם, וואָס זיינע איז די שולד,
און איבער בארג און טאָל כ׳וועל אים דערלאנגען.
ווי טויט וועט זיין געדולדיק מיין געדולד
אָן ווערטער, אָן מאכשאָוועס, אָן פארלאנגען.

רופט אָן זיין נאָמען, — כ׳וועל ניט זיין דערשטויינט,
כ׳וועל ווערן טאט — נאָר ווידער בלייבן ווערטער:
אָט איז דער מערדער — ס׳איז זיין נאָמען: טויט,
אָט איז דער מערדער, קוק. אָט איז דער מערדער.

פארשאָלטענער און ווילדער סילאָגיסט!
מײַן קאָפּ איז פול מיט דרייסטקײַט, קלאָרקײַט, וויסן, —
נאָר אלע קרעפטן זײַנען דאָ אומזיסט —
איז שווײַג, פארשטאנד, און ריר זיך ניט, געוויסן!

אפילע קעמפן בין איך ניט אימשטאנד —
איז קוש נאָר דאָס פארוועלקטע בלומען-בינטל,
און גיי ארום און שטיק זיך מיט פארשטאנד!
דו ביסט א הינטל, ליג און קוויטשע, הינטל.

און קוק, ווי די לעוואָנע ווארפט מיט גרינס,
מיט פוילן גרינס פון שטייענדיק געוויסער,
דו בידנער פרינץ, דו דענעמארקער פרינץ,
אין דענעמארק, אין דענעמארק דער טפיסע.

וואָס ווײַטער זײַנען זיי פון מיר,
אלץ צארטער כ'האָב זיי ליב,
און אין מײַן גאנג
סע שטעלט מיך פלוצעם אָפּ א ליכטיקע דערמאָנונג.

און איך באגרײַף דאן ערשט,
פארבײַסנדיק די ליפּ,

אז דאָס וועט מער ניט זײַן
און ס'איז אומזיסט צו מאָנען.

און ס'ווערן גרוי פון פּײַן די מענטשן אפן גאס,
און קליינע קינדער הערן אוף צו לאכן,
און יעדן מענטש דערזע איך ווי א גאסט,
אן אומרויִקן גאסט אפ פרעמדע שליאכן.

איך שטעל זיך אָפּ. כ'דערהער אין זיך א כליפּ,
א שטילן כליפּ, א קינדישן, א שווערן.

וואָס ווײַטער זײַנען זיי פון מיר,
אלץ צארטער כ'האָב זיי ליב,
אלץ צארטער כ'האָב זיי ליב,
אלץ נעענטער זיי ווערן.

און אָט אזוי פארבליבן כ'בין אליין,
אין שוידער פונעם טויט, וואָס פירט אראָפּ פון זינען,
און אָן א וועג האָב איך געלאָזט זיך גיין
דעם גרויסן מוט פון לעבן צו געפינען.

דאָס איז געווען א גיין דורך ברייט און ווײַט,
דורך זילבערשײַן פון הונדערטער לעוואָנעס,

678—4

דורך ווילדנ וואלד, וואָס אפ שיפּוּים שוויַיגט,
דורך קיינעם ניט פארשטענדלעכע סאקאָנעס.

דאָס איז געווענ א מידער, שווערער גייִנ
אפ ווידער צו געפינענ זיך אינ אלע,
אפ צו באגרייַפנ, פעסטשטעלנ, פארשטייִנ,
אפ וועלכע בערג מייַנ שטערנ איז געפאלנ.

אונ די לעוואָנע שייַנט, אונ אינ דער ווייַט
די אָנגעשטרענגטע שטילקייַט טוט א כליפּע,
פונקט ווי א סטרונע רייַסט זיך אָפּ אונ שווייַגט,
פונקט ווי א הארצ צעשפּאָלטנ ווערט פונ ליבע.

.1936

ארמאַנ וואַטאָ

1

דער זשורנאַליסט ארמאַנ וואַטאָ
האָט זיך געגרייט אינ וועג. אינ צימער
האָט די פאַריזשער זונ געשימערט —
עס איז געווענ א שיינער טאָג.
ס'איז אַלץ שוינ פאַרטיק: העמדער בלאָווע,
א טערמאָס, א קאָסטיום, א בוך
פונ מאָנטעסקיע[1], א בונטער טוך,
דריי שניפּסנ ברוינע, א פּולאָווער,
א גראָבער סוקאָוואַטער שטאָק,
וואָס הייסט „א ליא ארמאַנ וואַטאָ",
א פּאָר צעשויבערטע געדאַנקענ —
אונ מ'קאָנ שוינ פאָרנ, גאָט צו דאַנקענ.

---

1 שאַרל דע מאָנטעסקיע — א פראַנצויזישער שרייבער אונ דענקער (XVIII י. ה.).

2

מיט וועמענ קושנ איז ניטאָ זיך —
דער אלטער באָכער איז ביז הײַנט
א מענטשנ-פרײַנט, א פרויענ-פײַנט
(דאָס צווייטע אינ דער גרעסטער דאָזע).—
א שטילע איז ארײַנ ליזעט,
אונ זויער, אונ אָנ קיינ שום צארטקײַט
האָט ער געקוקט איר אפנ פארטעכ, -
פונקט ער צום ערשטנ מאָל אימ זעט.
געזאָגט, זי עסנ זאָל צו זעט,
דעמ אײַנבינדער באצאָלנ מאָרגנ,
וועגנ דעמ הונט „אכילנ״ זאָרגנ
(אימ דאכט — צו מאָגער איז דער הונט). —
אונ ס׳איז שוינ שפעט. אונ — זײַט געזונט.

3

שוינ זיצנדיק אינ דעמ אווטאָ,
האָט שטיל געקוקט ארמאנ וואטאָ,
ווי ס׳פאלנ בלעטער פונ די בוימער
אפ די בולווארנ די גערוימע,
פונקט ווי די ערד איז פונ מאגניט
(כאָטש דער פארגלײַכ געפעלט אימ ניט);
פארגלײַכט די בלעטער מיט נעדאָוועס

(כאָטש דער פאַרגלײַך איז אויך ניט גאָר),
געזיפּצט אפילו, שטעלט אײַך פאָר,
כאָטש זיפצן ז'אייגנטלעך ניטאָ וואָס.
דערנאָך א קוק געטאָן אין שפּיגל,
וואָס הענגט באַם שאָפער אפן גלאָז:
א גרויסער קאָפּ — א זייפן-בלאָז,
א פריִער פּליך, מיט זון פאַרשפּיגן,
צוויי טיפע אויגן מוטנע צאַנקען —
מע קאָן שוין פאָרן, גאָט צו דאַנקען.

4

אָט פאָרט ער שוין צום צווייטן מאָל
אין רוסלאַנד. שוין צוריק מיט יאָרן
איז ער אמאָל אהין געפאָרן.
מיט אים האָט דאַן געהאַלטן שמאָל,
ער האָט געהונגערט, ווי א שוסטער,
געווען פאַרליבט, זיך ניט געגאָלט,
דער טײַסטער איז געווען א פּוסטער,
דאָס האַרץ געווען איז פול מיט גאָלד.

5

נײַן הונדערט נײַנצנטער יאָר
איז דאַן געווען. אפ מאָסקווער ראָגן

האָט ער זיך, ווי א מעטעאָר
אינ גרויסנ וועלט-געמויש, געטראָגנ,
געליבט, ווי אַלע, אונ געהאסט,
אונ דאָרט זײַנ ערשטנ בוך פאַרפאַסט.
ער האָט געשריבנ אינ זײַנ בוך:
„...אונ זאָל באַקאַנט ווערנ פאַר יעדנ:
דער ברומ פונ עפּאָס, גאַנג פונ װעדנ
אונ ניבעלונגישער גערוך [1]
איז דאָ געווענ. דאָ איז געוועזנ
דער גלי פונ שטאָל, דער בלי פונ בעזנ
אונ עפּעס נאָך — סע ווייסט דער רו'ך!..."
דער בוך געהייסנ האָט „א לאַנד,
וואָס ווערט געבוירנ אינעם וויכער".
איצט איז דער בוך פאַרגעסנ לאַנג,
ווי אַנדערע צענ טויזנט ביכער.

6

אונ איצט איז האַרבסט. אפנ בולוואַר
סע פאַלנ פונ דיביימער בלעטער,
ווײַל ס'איז שוינ צײַט. א האַרבסט א שפּעטער.

1 וועדנ — אינדישער עפּאָס. ניבעלונגענ — דײַטשישער עפּאָס.

זאָל זײַנ אזוי. אָ רעווואר ![1]
אָט פליִענ דורכ שאַנ ד׳עליזיי[2].
(גיכ וועט ער ווירקלעכ זײַנ אפּ זיי !).
עס זײַנענ דורכגעפלויגנ דול
די טעג אָנ ציל אונ אָנ א סיבע,
דער טײַסטער איז שוינ איצטער פול,
דאָס הארצ — אָנ גאָלד אונ — כא ! — אָנ ליבע.

7

נו-נו, געננוג. מיט זיכ פארענדיקט.
דערמאָנונגענ ? מ׳דארפ זײַנ פארטאָג
איג א רעוויו, א פעליעטאָנ.
אונ סאָפּקאָלסאָפּ איז ער געווענ דאָכ
דער זשורנאליסט ארמאנ וואטאָ,
דער קענער פונ די מיזרעכ-לענדער,
דער „פרויענ-סוינע פונ סאלאָנ",
ווי ס׳האָט געזאָגט עטיענ דיוקלאָ,
„דער שטילער פוקס", „דער מאנ אינ גראָענ",
צי ווי געזאָגט האָט פיער ליוועג :

1 אָ ר ע ו ו ו א ר — צומ ווידערזעג (פראנצ.).
2 ש א נ ד ׳ ע ל י ז י י — עליזייער פעלדער — א גאס אינ פא־ריזש. אזוי הייסט „יענע-וועלט" אינ דער גריכישער מיפאָלאָגיע.

„דער, וואָס געקאָנט האָט זײַן א גאָען
און איז צו קלוג דערצו געווען".

8

אמאָל — א ניט גאָר גלאַטע ליבע,
צוויי ביכער, שוין פארגעסן לאַנג,
א בויך (ער הייסט אינטים „מאָנבלאַנ"),
א זויער-שמייכל אפ די ליפּן,
א לאָזשע אין „טעאַטר פראַנסעז",
א גרויסער פּיאָלעטער „ביויק",
א געלער פּאָינטער „אכילעס",
א ווונטש פון אלץ פארבלײַבן רויק.

9

פון טעלעפאָן אפן וואָקזאל
א קלונג: „דידיע? א, מסיע רעדאַקטאָר?
ס'איז מײַן רעוויו א צו געוואַגטער...
יאָ, יאָ... פארהאַלט אפ יעדן פאַל...
צי מע באגלייט? ס'באגלייט מיך קיינער.
דער צוג איז אכצן פינף. אדיע.
א גוטע נאַכט. א גרוס דער זקיינע,
א גרוס דעם אלטן שעד דידיע".

10

ס'איז נאכט. די נאכט איז העל און שפעט.
עס קלאפּט מיט א געגרילץ א טויבן,
און ס'פליִען שאָטנס פון די סטויפן
איבער די טירן פון קופּע.
לעוואָנע-ליכט א גאנצע קופּע
איבער די טירן פון קופּע,
און פלינקע רעדער הילכיק טופּען:
„טופּ-טופּ-טופּע, טופּ-טופּ-טופּע!..״

11

ס'איז נאכט. עס וואכט דער מאשיניסט,
עס פליִען אומרויִקע פונקען,
ס'גייט ווארשע דורך אין נאכט פארזונקען.
ס'איז נאכט. די נאכט איז שווארץ און וויסט.
דער צוג האָט זיך אזוי צעזונגען,
ס'האָט אלץ די טריבע נאכט פארשלונגען,
עס קנאלט! מע שיסט שוין? הא, מע שיסט?
נאָך ניט. ווארט צו. דער רעגן גיסט.
עס אָטעמט צוג מיט הייסע לונגען.
און פּלוצעם האָט זיך אלץ צעקלונגען
מיט ליד פון אופגאנג: זײַ באגריסט!

12

עס שטייט א הויכער רויטער סטענדער,
און איבער אים — א טראנספאראנט
מיט ווערטער אזוי גוט באקאנט:
„פאראייניקט זיך... פון אלע לענדער!..״

13

דערקענענ מאָסקווע איז אים שווער!
וואטאָ גייט אום אינ גאס פארוווּנדערט:
ס'איז דורכ נאָר פופצנ יאָר צי הונדערט?
מיט פופצנ יאָר צוריק וואָלט ער
געוועזנ גליקלעכ, ער זאָל וויסנ,
אז עס וועט זיינ נאָכ פיל מאָל מער,
ווי ער האָט דאנ אינ בוכ באוויזנ.
נאָר איצט איז יענער פלאמ ניטאָ
באמ זשורנאליסט ארמאנ וואטאָ.

14

א יונגער גיד פונ „אינטוריסט״,
א הויכער יונג מיט שווארצע קרויזנ,
מיט אויסגעצייכנטנ פראנצויזיש —
ס'דאכט — ערשט געקומענ פונ פאריזש —

האָט אים באַגלייט. עס האָט באַשלאָסנ
אָרמאַנ וואַטאָ זיכ טייקעפּ לאָזנ
אינ טיפ פונ „ליא ריוסי״ [1] אַוועק,
אינ דער פּראָווינצ אָנ באַנ, אָנ וועג,
באַקענענ זיכ מיט די קאָלכאָזנ,
אינ טיפ פונ ווײַטע פּאָלוסטאַנקעס,
ווו ס'לעבט אָנ קאָסינוס אונ טאַנגענס
דער נײַער טיפ „נוואָ מוזשיק״
(ס'וועט דער רעדאַקטאָר שרײַבנ: „שיק!״),
פּונקט ווי א האָפּנונגסלאָזנ קראַנקנ
באַשרײַבנ אים — דאָס קאָנ וואַטאָ!
צו אים קיינ גלײַכנ איז ניטאָ
דערפונ פאַרדינענ שווערע פראַנקנ.

15

ס'האָט אים געזאָגט דער שעפ-רעדאַקטאָר:
„קיינ פאַרב ניט זשאַלעווענ, וואַטאָ.
ס'איז זייער וויכטיק הײַנט צו טאָג
דעמ גאַנצנ פינצטערנ כאַראַקטער
פונ אָט דעמ לאַנד באַווײַזנ קלאָר,
עס זאָלנ שטעלנ זיכ די האָר:
דאָרט איז דער פויער טיפ-באַרבאַריש,

1 ליא ריוסי — רוסלאַנד (פראַנצ.).

זײַנ פּסיכיק—פּול מיט דעמ אַמאָל,
זײַנ גײַסט איז שוואַכ, זײַנ קאָפּ איז שמאָל,
די האָפֿענונג אַפֿ אימ איז נאַריש.
איר דאַרפֿט זי זײער גוט באַווײַזנ —
די אַזיאַטישע געפֿאַר,
אונ אײניקע באַשטימטע קרײַזנ
וועלנ אונדז דאַנקבאַר זײַנ דערפֿאַר״.

16

אונ אָט — פֿונ אונטנ גרינע פֿלאַכנ,
אונ אינ דער הײך די ווײַטקײַט בלאָט,
אונ שטראַלנ שטײפֿנ, שטראַלנ לאַכנ,
אונ רויִק רודערט דער פּילאָט.
פֿונ אונטנ שאָטנס פֿונ די פֿליגל
זיך שלענגלענ איבער פֿעלדער-ווײַט,
די כוואַליעס רוימ די לופֿט-שיפּ וויגנ,
דער יונגער גיד אינ אויער שרײַט:
„מיר פֿליִענ דורכ די מאָסקווער געגנט!״
„די מאָסקווער געגנט? אַכ, אַזוי!״
פֿונ אונטנ פֿינצטער ווערט. דאָרט רעגנט,
אונ דאָ איז זוניק, לויטער-בלוי.
דעמ זשוואַווונ גיד ווערט גאָר ניט נימעס
דערקלערנ אַלצ די גאַנצע צײַט.
גײ טו איר, אָט דער יונגער טמימעס!

ער בייגט זיך ווידער אָן און שרייַט:
„מיר פליִען דורך די וואָלגער ערטער!"
„...א, מוטער וואָלגע! זייער וויל..."
(„וואָס איז דען וויל דאָ? הוילע ווערטער...
איך בין אליינ געוואָרן הויל".)

17

א זעצ. דער גיד שפרינגט אופ פארשלאָפנ
און אפ דער שפראך פון בואלאָ[1]
ער גיט פארשטיינ, אז באמ פילאָט
האָט זיך, אפּאָנעמ, וואָס געטראָפנ
און זיי וועלנ זיך זעצנ דאָ.
עס הערט אימ ניט ארמאנ וואטאָ,
ער קוקט אפ אונטנ: גאָלד פון פעלדער,
און אלצ אינ זונ, און אָט-אָט-אָ
זיי גליטשנ זיך, און דער מאָטאָר
ווערט שטילער, שלאבעריקער, קעלטער...
ס'באגעגנט פרייַנטלעך זיי די ערד
מיט ווייכנ גראָז אונטער די רעדער,
מיט דופטנ פון פּרוקטאָווע סעדער,
מיט הייסנ אָטעמענ פון פערד.

1 בואלאָ-דעפּרעאָ — א פראנצויזישער דיכטער, אייַנער פון די זייַלנ פונעמ פראנצ. קלאסיציזמ. (XVII י. ה.).

די פעלדער—ברייט, דאָס ווינטל—הייס,
ארום איז פול מיט גאָלד פונ ווייצנ,
די בלויע בלומענ קינדיש רייצנ, —
דאָס הייסט — מ׳רײַסט איבער דאָ דעם רייס.
דאָרט ווײַטער ארבעט א קאָמבײַנ,
ער נעמט אראָפּ מיליאָנענ זאנגענ,
פונוויַטנ הילכנ אופ געזאנגענ,
אונ אלצ אינ העלקײַט, אלצ אינ שײַנ.
א רויטע פאָנ באמ טראקטאָר פלאטערט,
אונ קינדער לויפנ אָנ געשווינד
מיט שלענג, וואָס שוועבנ אפנ ווינט:
„הורא די דרייסטע אוויִאטאָרס!"
שנעל לויפט מענ צו: „וואָס איז?.. אהער!..
— מארוסיע, שנעלער!.. — סטיאָפּע, הער!..
— זיי זײַנענ דאָ אראָפּגעפלויגנ!
עס פלאמענ פּענעמער אונ אויגנ.
דער פליִער פּאָרעט זיכ דערווײַל
בא דעם מאָטאָר אונ שמייכלט הארציק:
„נו, ווײַסע-כעוורע, ווײַטער שארט זיכ!"...
דער טומל הערט זיכ אפּ א מײַל.

18

עס קומענ עלטערע — דרײַ מיידלעכ
מיט בלויע אויגנ (שוועסטער דרײַ?) —

זיי קומען, שטעלן זיך דערביי
פארשעמט א ביסעלע און פריידיק.
שוין נאָכדעם קומען מענער אָן,
זיי פרעגן רויִק און געשעפטלעך,
צי דארף מען עפּעס דאָ ניט טאָן,
צי העלפן עפּעס? (דאָס איז העפלעך...)
„ס'איז נאָ'נט פאראן א טעלעפאָן?" —
פרעגט דער פּילאָט. — „פאראן, אוואדע,
פאראן בא אונדז אין דער בריגאדע".
„איר האָט א שמיד?" — „נו, יאָ. אנדראָן!"
„בא אייַך איז די קוואדלע דאָ?"
„פאראן. נאָר זאָגט, ווער זייַט איר, פריִער".
„אן איבערזעצער. איך — דער פליִער,
און דער פראנצויז ארמאן וואטאָ".

19

„ארמאן וואטאָ?" — „וואטאָ. וואָס איז דען?"
זייַן נאָמען מע דערמאָנט — וואָס איז?
דער גיך דערקלערט: „דער בלאָנדער ריז
זאָגט, אז ער קען אייַך און ער גריסט אייַך".
ס'גייט צו דער בלאָנדער ריז צו אים.
אף ברייטע פלייצעס פאלט אן אָפּשייַן
פון העלער זון, און פול מיט אָפּשייַ
די אויגן זייַנע און די שטים.

ער גיט א ברייטע ברוינע האנט.
וואָס האָט וואטאָ מיט איר צו טאָנ דענ,
דער האנט פונ אָט דעמ מענטש דעמ בלאָנדנ —
א ברוינער האנט פונ א גיגאנט?
אונ אופגערעגט, מיט זשעסטנ גיכע
דערקלערט דער ריז: „געלייענט „דאָס לאנד,
וואָס ווערט געבוירנ אינעמ וויכער",
אונ איכ מוז דריקנ אײַכ די האנט,
כ'מוז דריקנ אײַכ די האנט דערפאר,
וואָס אינ די שלאכטנ, אינ געפאר,
אינ יענע מוירעדיקע יאָרנ,
האָט איר דערפילט דעמ נײַעמ גוואר,
וואָס ווערט אינ ווײ אונ בראנד געבאָרנ.
איר זײַט געשטאנענ בא זײַנ וויג,
איר האָט פארשטאנענ אונדזער ווילנ,
ווײַל איר טראָגט אונדזערע געפילנ
אינ הארצנ פונ א באָלשעוויק".

20

(„אינ הארצנ פונ א באָלשעוויק?
איכ האָב געלעבט, ווי א געוויקס,
געלעבט אפ שטיקלעכ פרעמדע רענטעס.
געווענ א שטיק טאלאנט—פארברענט עס, —
צי ס'האָבנ אנדערע פארברענט —

איכ האָב א הארצ געהאט — פארלענדט,
א לאָזשע אינ „טעאטר פראנסעז",
א נײַער פּיאָלעטער „ביויִק"
א געלער פּאָינטער „אכילעס",
א ווונטש פונ אלצ פארבלײַבנ רויִק.
דערטרונקענ כ'האָב מײַנ יוגנט-פלאמ
אינ פלאכנ שפּאס, אינ שורעס לויזע,
כ'האָב נישטיק אינ א זומפּ געפּויזעט
אָנ פרײד, אָנ בענקשאפט נאָכנ יאמ...
איכ האָב מיט ביכער זיכ געקוויקט
אונ קלײנלעכע רעוויו געשריבנ,
איכ האָב געטראָגנ קרויט אונ ריבנ
אינ הארצנ... „פונ א באָלשעוויק"...)

21

מע טראָגט אימ צו א הויפנ בלומענ
אונ אײנ בלוי-אויגיקע גײט צו
אונ בעט אימ אינ קאָלכאָז צו קומענ —
בא איר פארפלאָנטערט זיכ די צונג.
אונ ער, דער „שטילער פוקס" דער גרויער,
דער פרויענ-סוינע פונ סאלאָנ,
גײט צו צו איר אונ נעמט זי אָנ
אונ טוט א קוש זי לעבנ אויער.

(„זיך אָפּגעווינט, דו אלטע וואָרשע,
פארגעסן שוין, וווהין מע קושט...״)

22

דער יונגער גיד פון „אינטוריסט״
האָט מיט פארווונדערונג מיט גרויסער
דערזען: דער גאסט פון גראַנ-פּאַרי [1]
פארלירט א טרער און ווישט ניט אויסעט,
דערזען, ווי מסיע ארמאן וואטאָ
דער „שטילער פוקס״, דער מאן אין גרויען,
שטייט שווער געלענט אפ גראָבן שטאָק
און קוקט אפ דריי צעפלאמטע פרויען
און קאָן ניט זאָגן אלץ „אדיע״,
און האלט אין האנט א הויפן בלומען,
און זאָגט, אז ער וועט קומען, קומען. —
עס וואָלט דערזען אים איצט דידיע!

23

און נאָכדעם שניידט דער אפּאראט
זיך שנעל אריין אין העלן גינען
איבער דער שטראַליקער מעדינע,

---

[1] גראַנ-פּאַרי — גרויסער פאריזש (פראנצ.).

וואָס בליט און קאָכט פונ ראנד ביז ראנד,
וואָס ווייסט ניט פונעמ וואָרט „קאָמפאָרט”
אונ פונעמ ערגסטנ, שלימסטנ וואָרט —
פונ „רו”. עס דונערט דער מאָטאָר,
ער רײַסט די לופט, אונ אינ קאבינע
זיצט שטיל וואטאָ, אונ טרערנ רינענ
באמ זשורנאליסט ארמאנ וואטאָ.

.1937—1935

הערבערט וועלס

I. 1920

אין טשעמאָדאַן — קאָנסערוון און מאַנע,
קאַדאַק, פּאָרטפּלעד און אַ פּאַנעם אַ געלט.
ער האָט געשאַפן הונדערט ראָמאַנען,
הערבערט דזש. וועלס.

פון זײַן קאַטעדזש — אין קאַמין אַ פײַער —
פון לאָנדאָנער נעפּל אין מאָסקווער גראָ,
מיט אײדעלן מיטלײַד, ווי אַף אַ פרעמדער לעווײַע,
האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אַף אַ גאַסטראָל.

ס'האָט מאָסקווע געקעמפט און געפרירט און געהונגערט,
געווייטעקט און מונטערע לידער געזונגען.

ער האָט אַ קוק געטאָן אַלע מוזייען:
„צענעריקט. צעקלאַפּט. נאָר זייער און זייער"...

ער האָט א שמעק געטאָנ אפ די „סטריטנ״ :
„צעקלאפט. צענעריקט. נאָר זייער צופרידנ״.

ס׳האָט מאָסקווע געברומט ווי א הונגעריקע וואָלפנ.
אינ מוזיי האָט געפרירט א ווײַסע ווענערע.
אָ! ענגלאנד האָט „זייער אונ זייער״ געהאָלפנ,
אז אלצ זאָל דאָ זײַנ צעקלאפט אונ צענעריקט.

דאָרט, אפ אוקרײַנע, ווילדעווענ באנדיטנ
מיט סרייפעס, מיט הריגעס, מיט בלוטיקנ בראזשניק.
פארשטעקט אינ די לעכער זיצנ אונ היטנ
א ווײַסער, א פרעמדער, א סאבאָטאזשניק.

אָכ! האָט דאָס לאנד זיכ צעברומט איבער וועגנ,
וועגנ, וואָס ברענענ אינ בראנד פונ געשלעגנ...

ער האָט געהאט א ליולקע אונ מאנע,
א פלעד אונ אנ ענגלישנ פאס, ווי א פעלדז.
שווער, ווי זײַנ גײַווע, די טשעמאָדאנענ,
די בײַכיקע גײַווע, וואָס גרעפצט זיכ מיט געלס.
אינ טשעמאָדאנענ — הונדערט ראָמאנענ —
הערבערט
דזשאָרדזש
וועלס.

און נײַגעריק עטוואָס, דעם שמייכל פאַרבאָרגן,
נעמט לעניב אים אוף אין א שטילן פרימאָרגן.

„אָ, מיסטער לעניב. עלעקטריפיקיישן...
אָ, איך פאַרשטיי אָט דעם דראנג צו די רוימען...
פאנטאזיע דאָס איז מײַן פאַך... איר פאַרשטייט שוין?
אָבער, אנטשולדיקט מיר, — דאָס זײַנען טרוימען.

טרוימען. פאנטאזיע. אלץ א פאנטאזיע!
עלעקטריפיקיישן? בא אײַך דאָ אין אזיע?
וועל!.. עס קאָן זײַן, אז איר טוט און וועט טאָן א סאך,
נאָר דאָס לאנד איז אין כורוועס... אנטשולדיקט,
כ׳דערמאָן עס אײַך...
עלעקטרע, איר זאָגט? אָ, איך מוז זיך א וואונדער טאָן —
עלעקטרע? נו, יאָ... ס׳וועלן דורכגיין יאָרהונדערטן"...

לעניב האָט געשמייכלט.
אין פענצטער די שטאָט
איז געלעגן אין פראָסטיקן דרעמל.
געראושט האָבן טריט אינעם קרעמל,
פונוויַיטן האָט ברייט
א ליד זיך געשפּרייט,
א מונטערע ליד ארום קרעמל.

לעניז האָט געשמייכלט —
פונ זודיקער ברוסט
האָט דאָס לאַנד צווישנ ווייטעק און פּײַנען
געשוואָרנ: עלעקטרע וועט שײַנען!
ס'האָט לעניז געוווּסט,
ווי דאָס לאַנד האָט געוווּסט,
די מעכטיקע קראַפט, וואָס מיר זײַנען.

לעניז האָט געלאַכט. עס האָבן די נאַכט
געשטורמעוועט לענינס אָטריאַדנ.
ס'האָט לעניז די סאָנים אינ פּאָנעם געלאַכט,
ס'האָט לעניז נאַראָנים אינ פּאָנעם געלאַכט —
דאָס פאָלק וועט באַשאַפנ נאָכ בלוטיקנ שלאַכט
די קינפטיקע עלעקטריאַדע.

און וועלס האָט גערעדט:
„אינ א צוויי הונדערט יאָר...
עלעקטרע... אויב טאָנ עס מיט סייכל”...

און געקוקט אפנ ענגלישנ „נאָווי” האָט קלאָר,
אלס דער אורטייל פונ לאַנד און דער אורטייל פון דאָר,
לענינס
ביטלדיק-שפּאָטישער שמייכל.

1934 .II

א פעטער, א שווערער, אינ מויל — א האוואנע,
אינ איידעלע קנייטשנ — דאָס פאָנעם דאָס געלס,
דער אווטאָר פונ צוויי הונדערט נײַע ראָמאנענ —
הערבערט דזש. וועלס.

פונ זײַנ קאָטעדזש, פונעם בײַכיקנ שרײַבטיש,
פונ לאָנדאָנער נעפל אינ מאָסקווער העל
דער ווילנ דעם וועלט-גורל קלאָר מאכנ טרײַבט אימ —
ער קאָנ דאָכ אָנ זאָרג ניט פארלאָזנ די וועלט!

אינ ארבעט, אינ פריידיקע ברויז-קארנאוואלנ
האָט מאָסקווע געשפילט מיט עלעקטרישע שטראלנ.

אונ זי האָט א פרעג געטאָנ העפלעכ באמ אלטנ
(נו, פאָרט דאָכ א גאסט) — וואָס זשע מאכט ער, דער אלטער,
אונ וואָס פארא טרעפלעכע נײַע געשטאלטנ
איצט אינ זײַנ שרײַבערשנ מויעכ באהאלט ער?

ווי איז זײַנ געזונט, אונ ווי איז ער געפאָרנ,
אונ וואָס ט'ער געטאָנ, זינט... נו, אָט — פאר די יאָרנ...

„איכ, — האָט מאָסקווע געזאָגט, —
האָב דאָ ציגל געטראָגנ,

געוואקסנ, געבויט — זעט, ס׳איז פרייד אפ די סקווערנ,
אונ גיכ וועל איכ אויכ א מעטראָ שוינ פארמאָגנ,
אונ כ׳שײַנ אינ דער ליכט פונ רובינאָווע שטערנ,
אונ כ׳ווייס ניט, צי זעט איר — פאר אײַכ איז עס נײַעס,
אנטשולדיקט, פארשטייט זיכ — עלעקטרישע פײַערס...״

ברייט איז דאָס לאנד צווישנ ווייצנ געלעגנ,
דער לענינשער דניעפער האָט שוימיק געשפרייט זיכ,
דאָס לאנד האָט געשפאנט אפ אספאלטאָווע וועגנ,
געשפאנט אונ געלאכט, אונ געשײַנט, אונ געפרייט זיכ.

אונ פולע מיט ברויט די קאָלווירטישע שפײַערס,
אונ פול מיט געלעכטער — די גאסנ אונ ראָגנ.
דאָס לאנד האָט געשײַנט אינ עלעקטרישע פײַערס,
אונ וועלס האָט געשוויגנ א ביסל צעטראָגנ.

ער האָט גערייכערט א גראָבע האוואנע
צעטראָגנ געקוקט אפנ לאנד אפנ העלס,
אינ טשעמאָדאנענ — הונדערט ראָמאנענ —
הערבערט
דזשאָרדזש
וועלס.

אונ נײַגעריק עטוואָס, דעם שמייכל פארבאָרגנ,
נעמט סטאלינ אימ אופ אינ א העלנ פרימאָרגנ.

וועלס איז געזעסן געליימט אינעם קראגן,
העפלעך מיט ענגלישער ווירדע געשטיקט זיך
און איידל געפרעגט די צעטראָגענע פראגן —
פאַרשטייט איר, ס'כאַרנעמט אים פון קאָסמאָס דער שיקזאַל...

ס'האָט סטאַלין געענטפערט מיט רויִקע ווערטער,
דאָס לאנד האָט געראַשט און די צייט איז געפלויגן,
און ס'האָט ניט באמערקט גאָר דער גאַסט דער געערטער
דעם שמייכל
אין סטאַלינס פאַרזשמורעטע אויגן.

און וועלס איז געזעסן — א גייוועדיק זעמדל,
א נודניק א גאַסט אפּ א יאָנטעוו א פרעמדן!

סטאַלין האָט געלאַכט.
אין בלי און אין פּראַכט
האָט דאָס לאנד זיך אין פענצטער באַוויזן.
ס'האָט סטאַלין די סאָנים אין פּאָנעם געלאַכט,
ס'האָט סטאַלין נאַראָנים אין פּאָנעם געלאַכט —
דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין מי און אין שלאַכט
א לעבן פון גליקלעכע ריזן.

סטאַלין האָט געלאַכט.
אין לאָנדאָנער גראָ.

ווען וועלט נאָכדעם בעבען און שוימען,
אז ס'איז בלויז א טרוים דער מאָסקווער מעטראָ —
ער איז דאָך א מיליון אפּ טרוימען...

נאָר דער מאָסקווער מעטראָ
איז שוין ליכטיקע וואָר,
ס'איז שוין וואָר אונדזער שווונג אין די הייכן.

און געקוקט אפן ענגלישן „נאָווי“ האָט קלאָר,
אלס דער אורטייל פון לאַנד און דער אורטייל פון דאָר,
סטאַלינס
ביטלדיק-שפּאָטישער שמייכל.

מענדעלע

איך האָב געריטן הײַנט אין האַרבסטיק־העלן וואַלד,
און מיך האָט דאָרט געטראָפן אַ געוויטער.
ס'האָט בליץ געבלאַנקט און דונער האָט געקנאַלט
און ביימער האָבן גוויסעסדיק געציטערט.

די וועלט געווען איז גרויזאַם־שיין און גרויס.
פאַרבײַ זײַנען געפלויגן מיט אַ שנעלקייט
לילאָווע סאָפּקעס, פול מיט העלן ברויז,
און ווילדער וואַלד — איין ברויזנדיקע העלקייט.

דערנאָך, ווען דער געוויטער איז אַוועק
און רויִק־בלוי און קלאָר איז אַלץ געוואָרן,
האָט פריש פאַר מיר צעשפּרייט זיך אָט דער וועג,
ווו איך ביז מיר איז מען אַ סאַך געפאָרן.

אַמאָל, אַמאָל געגאַנגען זײַנען דאָ
פאַרוואָקסענע און מידע קאַטאָרזשאַנער,

אונ פארטיזאנער פונעמ נאָ'נטנ דאָרפ,
אונ איבערוואנדערער ביראָבידזשאנער.

ס'איז ברייט דער וועג אינ שטאָט ביראָבידזשאנ!
מאשינעס שנעלע לאָזנ איבער שפורנ,
באקאנטע פוסגייער דאָ שטעלנ זייער שפאנ,
וועלאָסיפעדנ לויפנ, ס'פאָרנ פורנ,

אונ גרענעצלער דאָ פאָרנ צומ אמור,
אונ א קאָלווירטניק פירט דאָ ווייצ צומ זייענ,
אונ קינדער לאכנ אפ א גרויסער פור,
אונ בינשטאָקנ באמ וועג אינ ענגע רייענ...

עס האָבנ פרישע טראָפנס נאָכ געבליט
אפ גרינע צווייַגנ אונ אפ ווייַסער קאָרע.

. . . .

שטיל גרילצט א פור.
עס פאָרט אפ איר א ייִד.
שטיל פאָרט א ייִד — א ייִד א מויכער-ספאָרימ.

דער ייִד טרייַבט אָנ דאָס בידנע פערדל שטיל
איבער די ווייַטע אוקראַיִנער לענגענ.
דער שאָטנ פונעמ פערד זיכ אפ די ווייצנ שלענגלט.
ס'גייט דורכ פארבייַ אנ אומעטיקע מייל.

ס'גייט דורך א דאָרף. די לאַנגע שמאָלע שאָטנס
זיך לייגן אזוי טונקל אין דער לענג.
ס'גייט דורך דאָס פעלד. די ערד ווערט שווארץ און ענג,
מיט מיסט און ברוד פון דורכפליענדיקע פאַרשאָטן,
מיט מיסט, מאַציייוועס, האָפענונג און קרענק.

דער הימל ווייך, ווי א מעדוזע,
זיך קלעפּט אָן יענעם ווײַטן וואלד.
איז טו א קוש די וועלט־מעדוזע
און גיי אַרויס, די טיר צעפּראלט,
און טו א כאַפּ דעם ווינט באַם פאלד,
און קריך אַרײַן דעם וואלד אין בוזעם.

נאָר ס'פערדל זאָגט: רעב ייִד, ווארט אָפּ.
גיי לויף, גיי פלי, ווען ס'בלײַבט דער האָבער.
אז האָבער — האָסטו ניט קיין האָבער,
און האָבער — היי איז אויך ניטאָ.

מיט כפּאָרים קאָן מען אויוונס הייצן,
דעם מאָגן הייצט מען נאָר מיט היי.
א שוואָרצע גאָר — דער וועג פאַרדרייט זיך —
מע זאָל זיך אומקערן אַהיים.
עס באַקט א זון. עס צוקט א פלייצע.
און ס'פאַלט א גרויסע טרער געהיים.

די וועלט איז פול מיט פּײַנ אונ מיטס,
אונ ווענ דערזען נאָכ פּלייצעס צוקנ —
איז ווער זשע ווייסט דעם כאַם פונ צוקונפט.
דו לאַכ כאָטש אָפּ פונ דעמ, וואָס איז,
פונ דעמ, וואָס איז אַזוי-אָ פול
מיט באָד, מיט ליארעמ אונ מיט שול,
מיט סעדעכעס, מיט לאַנגע צינגער,
מיט וואַסערפירער, בוידנ, קעצ,
מיט בלינדע פידלער, בלינדע זינגער,
מיט פיס אָפּ גענבנ גוט א זעצ,
מיט הענט אָפּ ווײַזנ מיט די פינגער.

אונ וויפל דאָרשט נאָכ א ביטאָכנ,
אונ וויפל ווײ אינ אורוואָרט „צאָרעס”,
אונ שווערע מ דבער-ווינטנ פּאָכנ
אינ איימע פונ א ווילדנ כצאָס.
אונ וויפל שרעק אָנ דעק אָנ מאָס
מיט צאַרטקײַט אונטער הויט פאַרשטאָכנ.

אונ ס׳פאַלט א טרער. אונ שווער איז דאָס געמיט.
אונ ס׳קרימט דאָס מויל זיכ — וויינענ אָדער לאַכנ?..
שטיל גרילצט א פור,
עס פאָרט אָפּ איר א ייִד,

שטיל פאָרט א פור זם בענקענדיקע שליאכנ.

. . . .

איכ האָב געטאָנ א טרײַב דאָס הייסע פערד
דורכ ברייטנ וועג, דורכ ערשט-געלייגטע בריקלעכ
אונ כ'האָב דערפילט — נײנ, מער — איכ האָב דערהערט,
כ'האָב אָנגעטאפט, דערזענ, אז איכ בינ גליקלעכ.

1935

★

ל י ד ע ר

שטאָלצ

מיר זײַנענ קינדער געוועזנ פונ פינפ אונ ביז פופצנ יאָר.
אינ פלאקער פונ סרייפעס דער הימל געלעגנ איז רויט.
אפנ פראָנט זײַנענ טאטעס געגאנגענ א פאָר
נאָכ א פאָר
אונ טריט האָבנ איבערנ ברוק געקלאפט ווי טרוקענער
שרויט.
שטיל האָבנ טאטעס געקושט אונדז די צעפּאטלטע האָר
אונ פוסטע פאטראָנעס געשענקט, אונ — אוועק, אונ —
אפ טויט.

מיר האָבנ דענ, קינדער, געוווסט זייער אייביקנ שמערצ-
לעכנ האס?
מיר האָבנ דענ, קינדער, באגרײַפט זייער ענדלאָזנ
ריינעם פארלאנג?..
מיר האָבנ געשפּילט זיכ מיט פוסטע פאטראָנעס, באוווּנ-
דערט דעם מעשענעם בליאסק,

באוווּנדערט דעם מעשענעם בליאַסק און דעם טויבן
געקלאַנג.
פאַר אונדז זײַנען טאַטעס געפאַלן בײַ שוועל פון צאַ-
ריצין און ספּאַסק,
און וועגן אונדז איז געווען זייער שטערבלעכער לעצטער
געדאַנק.

לעניִנס מאַרך צוליב אונדז האָט אין ריזיקער אַרבעט
געברענט,
סטאַלינס ווײַ צוליב אונדז האָט אין קאַטאָרגע-שוידער
געגליט,
— קינדער דערוואַקסן געוואָרענע, זעט אָט דעם שטאָלץ ניט
פאַרשווענדט!
זאָל גרויס זײַן דער הערלעכער דאַנק, זאָל ברייט זײַן די
זיגרײַכע ליד,
און ווען עס וועט שלאָגן די שאָ,
זאָלן פולע פּאַטראָנעס
אַ בלאַנק טאָן אין אײַערע הענט!

יאָנטעוו

מיר האָבן זיך פארזאמלט — דער יאָנטעוו איז גרויס
און די שטרעקעס די זוניקע לאכן.
מיר זײַנען אין מעכטיקע רייען ארויס
אנטקעגן די וועגן און שליאכן.

סטאָליערס פון פארבאנד! מאכט א ריזיקן טיש,
א טיש פון דער ארקטיק ביז דניעסטער.
יעגער און פישער! שטעלט פלייש און שטעלט פיש,
סעדער! זאָלן בלומען הײַנט שיין זײַן און פריש!
ווירטואָזן, זאָל ווערן אן אָרקעסטער!
פון מאָסקווע ביז כאבאראָווסק און פון קיִעוו ביז פאמיר
לעבן זאָלן מיר און שאפן זאָלן מיר!

דאָס פײַער גליט, דאָס רויטע פײַער פליסט,
עס גיסט זיך ארץ אין אויוון אין מארטענער!
איז שנעל מיט צוואנג דעם בלויען פלאם פארשליסט,
און קלינגען זאָל די ליד פון שטאָלצע מענער.

אין טאָקער-ווערקשטעלן דעם שארפן שטאָל פאָרמיר —
לעבן זאָלן מיר און שאפן זאָלן מיר!

פון קי גייט ארופ א מילכיקע פארע,
די נאכט איז טיף — א שטערנדיקער טהאָם,
די טראקטאָרס זשומען מיט א ברויזנדיקן ליארעם,
די זאנגען פאלן אין א ברויזנדיקן שטראָם —
טאָ לעבן זאָל דער גליקלעכער קאָלווירטניק,
און לעבן זאָל דער בראווער אגראָנאָם!

עס פאלט א נאכט, א זעגל-שכונע פליט,
דער ווינט איז טאבאק-שארף און ברוסטן-שטײַף און פריש,
פראָזשעקטאָר-שײַן פליט אוף אף הויל אף בלאסער.
איז לעבן זאָל דער טרײַבער פונעם פליט!
און לעבן זאָל דער שלאָגלער פון די פיש!
און לעבן זאָל דער שלאָגלער אפן וואסער!

און ווי די הייך איז ראכוועסדיק און בלאָ,
און פול מיט רויש פון קינפטיקע פאָעמען —
איז לעבן זאָל דער העלדישער פילאָט —
מיט שארפן אָדלערישן בליק פון אונטער ברעמען!

אף ווײַסן שליאך דורך שנייִקן זאווײַ
די ווײַסע טײַגע-טיף מיט כײַישע שווארצאפלען.

די פּיקסלעך זילבערנע... אַ שאָס! ס'איז רויט
דער שנײ

און בלויע פעלן שימערן און צאַפּלען.
טײַגאַ איז ברייט,
דאָס ביקסן־מויל איז ברייטער —
איז לעבן זאָל דער שלאָגלער דער פאַרגרייטער!

אין קאַבינעט איז העל און ברייט און קלאָר,
די מאַפּעס זײַנען יאַמיש־ברייט און בלאָ,
אַף דיאַגראַמעס — רעגנבויגנס שטײַגן,
אַף מאַפּעס — ערד, אַף מאַפּעס — אונדזער לאַנד,
און אַלץ איז קלאָר אין אָט דעם שטרענגן שווײַגן —
איז לעבן זאָל דער שלאָגלער פונעם פּלאַן!

זאָל לעבן דער שאַכטיאָר און דער טעקסטילער,
דער בעקער און דער דיכטער און דער שמיד.
פון שוואַרצן יאַם
ביז אָקעאַן דעם שטילן
לעבן זאָלן מיר און שאַפן זאָלן מיר!

די בלומען פון ברענטא

«... Ich sehe wieder den blauen
Fluss und die marmornen Paläste
und die schönen Frauen-und
Mädchen gesichter und ich
singe ein Lied von den
Blumen der Brenta»“.
H. Heine. Das Buch Le Grand

„... איך זע ווידער דעם בלויען טײַך
און די מאַרמאָרנע פּאַלאַצן און די שיינע
געזיכטער פון די פרויען און מיידלעך
און איך זינג אַ ליד וועגן די בלומען
פון ברענטא“.

ה. היינע. דאָס בוך לע גראַן.

פון אַש שטייען אויף און צו אַלעמען קומען
די טרוימען, אויף שײַטערס פאַרברענטע.
איר זעט דאָך! —
מיר קלײַבן די זוניקע בלומען,
די בלומען,
די בלומען פון ברענטא.

אזויוי מיר שפאַנען,
צעפּראַלן זיך ווײַטן
מיט גאָלד פון די זוניקע טויערס,
און ווײַסע פּאַלאַצן פון אַלע פיר זײַטן,
און גליקלעכע מענער און פרויען...

אין דופטן פון לאָרבערס,
אין שײַנען פון מירטן
קומט אָן שוין אַ קינדהייט אַ גרינע,
אַ קינדהייט אַ גרויסע, אַ פאַרביק-קאָלירטע,
אָן אייפער, אָן גײַץ און אָן קינע.

און פונעם ריינעם און גרויסן געוויטער,
פון טיפע, פון ערדישע שיכטן,
וואַקסן די פּרעכטיקסטע קאָמפּאָזיטאָרס,
וואַקסן די איידלסטע דיכטער.

מיר וועלן שאַפן פּאָעמעס, ווי בוימער
מיט גאָלדענע עפּל פון טענער,
שטאָלצע, אַזוי ווי די אַלטע רוימער,
נאָר אַ ביסעלע קליגער און שענער.

גרויסע, אַזוי ווי די אַלטע גריכן,
נאָר רײַכער און רײַפער און מילדער.

מיט פרעכטיקע סטאטועס, זעלטענע ביכער
און פארביקע אייביקע בילדער.

און ס'רופן די ווייטן, —
מיר גרייפן, מיר קומען,
מיר — טרוימען, אפ שייטערס פארברענטע...
איר זעט שוין?
מיר קלייבן די זוניקע בלומען,
די בלומען,
די בלומען
פון ברענטא...

אונדזערע באָבעס

צי בא דער וואָלגע, צווישנ רויש פונ זאנגענ,
צי אינ אזא מינ אָוורוטש צי וואפּניארקע,
די טעכטער פונעמ פאָלק מיט צעפּ מיט לאנגע
געבוירנ זינ — געבענטשטע באָנים שטארקע.
אונ ס׳וואקסנ זינ אינ שווערער מי אונ עלנט —
געזונטע, שוויַגנדיקע, פעסטע, צארטע זינ.
דאָ ציילעמענ זיב מאמעס, אז די זינ זאָל גאָרניט פעלנ.
דאָרט בענטשנ מאמעס ליכט — צו אויסקויפנ די זינד.

דאָס וויַסע גרעט — ניט קלאָרע וויַסע פליאמעס,
עס שמעקט דאָס גרעט מיט זייפ אונ דריטע הענט,
אונ בא דעמ אריונ, וואָס אינ טונקל ברענט,
זיי שטייענ — ליבע, זייער צארטע מאמעס.

זיי קוקנ מיט אזא מינ ווייי, די מאמעס:
ווענ וועט די אויסלייזונג שוינ קומענ, ווענ?

ניטאָ קיין אויסוועג פֿון די גרויע דאַלעדאַמעס,
א גרויסע וועלט פאַרשטעלט מיט ענגע ווענט...
די מאַמעס קוקן אין די רויטע פלאַמען,
וואָס ברענען ברעכנדיק די פֿײַער-רויטע הענט.

אָט קומט דער זון — א שטיקל ברויט אפגיך
און ווידער אין פאבריק — ביז שפּעט און ביז שאַריען.
און שטיל ווערט אַלץ אַרום — דאָ בענטשן מאַמעס ליכט,
און דאַרטן מאַמעס פאַר איקאָנעס קניִען.

עס וואַקסן זין ווי דעמבן און ווי טאַנען —
פאַרשקלאַפּטע באַלעבאַטים פונעם לאַנד.

זיי האָבן ניט געוווּסט נאָך,
אַז באַ וואָלגע האָט אַ יונגער מענטש — אוליאַנאָוו
דעם קאָפּ פאַרבויגן איבער קאַרל מאַרקס׳ אַ באַנד.

שווימענדיק איבערן דניעפּער

ווי אַ זינגענדיקע כוואַליע כ'לאָז זיך שווימען,
ווי אַ כוואַליע פונעם ווײַטן טײַך אַמור.
און פון אַלע טײַכן הער איך שטימען,
און פון אַלע יאַמען דאָס געבורט.

כ'הער דעם קלונג פון וואָלגע־טײַך פון בונטן
און דעם ברום פון שוואַרצן יאַם דעם גרײַז.
אַלע טײַכן זײַנען ענג פאַרבונדן
אין אַן אייביק פליסנדיקן קרײַז.

און איך גריס די פּליינען און די סעדער
און די הענט די דאָרשטיקע איך שטרעק
צו די יונגע פעלדער אַמורזעטער,
צו שעוטשענקאָס דענקמאָל אויפן ברעג.

ס'זינגען הערצער דאָ אויף ברעגן בונטע,
יעדעס האַרץ, ווי באַם אַמור, געטרײַ איז.
אַלע הערצער זײַנען ענג פאַרבונדן
אין אַן אייביק זינגענדיקן קרײַז.

אונדזער ערד

ווינפל שטראַלן ווינפל ווייכע,
ווינפל שײַנען,
ניט געבליבן איז קיין זייכער
פון עם פּײַנען.
און פֿאַנפֿאַרעס העלע שאַלן
מוטיק, לאַנג.
ווינפל גוורע, ווינפל שטראַלן,
ווינפל קלאַנג.

איך פֿאַל צו מיט שטרענגע ליפּן
צו מײַן ערד —
זי האָט דאָך מיט קראַפֿט און ליבע
מיך גענערט.
און דאָס האַרץ פֿון צאַרטקײַט פֿול ווערט
און פֿון גליק,
וואָס ס'איז טרוקן אונדזער פּולווער,
שאַרף דער בליק.

כ׳גיי ארויס אפּ אירע לענגענ —
דאָרטנ בליט.
אונ מײַנ טאַט װעל איכ איר ברענגענ
אונ מײַנ ליד,
אונ מײַנ פרײַנטשאפט, אונ מײַנ טרײַשאפט,
אונ מײַנ גיר,
אלדאָס גרעסטע, אלדאָס בעסטע, —
אלצ פאר איר!

הינטער דער טיר

נאָכ די מײַרעוודיקע שטעט
זעט איצט אויס דײַנ פּאָנעמ אנדערש.
כ'האָב געבראכט דיר ווײַסנ לאנדיש
אונ צעוואָרפנ אפ דײַנ בעט.

כ'האָב דיכ קײנמאָל ניט געפרעגט,
האָסט מיכ ליב אזוי צי אנדערש,
כ'האָב געבראכט דיר ווײַסנ לאנדיש —
וואָס זשע פרעגסטו אפ מײַנ וועג,
ווו איכ האָב ארומגעוואנדערט ?

כ'האָב געלאָזט הינטער דער טיר
שטויב פונ אלע מײַנע וועגנ,
הורבעס שנײ אונ טראָפּנס רעגנ
אונ מײַנ בענקשאפט ניט נאָנ דיר.

באַרקאַראָלע

זינגען כוואַליעס, פּלאַפּלען כוואַליעס
אַזוי צערטלעך, אַזוי טויב.
Мы на лодочке катались
Золотистой, золотой...

מײַנע ווערלעס זײַנען שטאַרקע
פֿול מיט קראַפֿט, פֿול מיט דראַנג,
לויפֿט פֿאַרבײַ אַ שוואַרצע באַרקע
און פֿאַרשווינדט, ווי אַ געדאַנק.

ס'איז אַ זעגל דורכגעפֿלויגן
און די כוואַליעס פּליעשטשען שטיל,
און אַ גרויסער ווײַסער פֿויגל
באַ מײַן רודער טוט אַ שפּיל.

ס'איז אַ זעגל דורכגעפֿלויגן
און אָט פֿיל איך און מיר דאַכט:
כ'זע באַם רודער דײַנע אויגן,
דײַנע אויגן אין דער נאַכט.

אָקטיאבער

ס'איז אלץ אין גאָלד—די וועלט, דער הארבסט, דאָס הימלאנד.
די פורפור-רויטע סאָפּקעס ליגן שטום.
איך בין היינט עפּעס בעסער, ווי געוויינלעך.
און שענער, איידער אלעמאָל, ביסטו.

אַף שטרעקעס ווייטע, ווען עס קומט אָקטיאבער,
דאָס רויטע גראָז ווי שוים ווי העלער שלאָגט,
און ס'זידט, ווי ווייַן, דאָס הארץ—אָן מינדסטן שלאבער,
באפרייט פון אלץ, וואָס צווייפלט און וואָס פּלאָגט.

געליבטע, ס'ווערט דער הימל פּיִאָלעטער,
ס'איז אָנגעטאָן די וועלט אין רויטן גאָלד.
ווי ס'וויל א בוים דערפילן זיינע בלעטער,
אזוי האָב איך דיך זען היינט געוואָלט.

פארגעס פון אלץ, וואָס איז ניט שיין און קליינלעך,
נעם איין דעם דופט פון אלץ, נאָך וואָס דו גארסט.
ס'איז אלץ אין גאָלד—די וועלט, דאָס הארץ, דאָס הימלאנד—
אין רייַפן גאָלד פון שטורעמדיקן הארבסט.

* * *

אינעם טויער פונ די ווײַטקײַטנ אינ רונדנ
ביסטו איצט, מײַנ גאָלדענע, פארשוווּנדנ.

איכ וועל זוכנ דיכ אינ יעדע אויגנ,
וועלכע וועלנ מיר אנטקעגנ קומענ,
אינעם יאמישנ דעם ווײַסנ פויגל
אונ אינ דינער לויטערקײַט פונ בלומענ,

אונ אינ זונ-שטראלנ פונ יעדנ פרי-באגינענ.
אונ איכ וועל דיכ קיינמאָל ניט געפינענ.

אונ ס׳קאָנ זײַנ — צו וואָס איז דער באדויער?
עפשער איז עס גוט געווענ — אוועקגיינ?
עפשער וואָלט איינ רעגע בלויז געדויערט
יענע העלע וווּנדערשיינע רעגע?

אלץ קאָן זײַן, וואָס טויג דאָ די נעווי̇עס,
ווען ס׳איז הייס פֿון טרערן בײַ די ווי̇עס.

האָסט געקוקט אין מײַנע אויגן - פֿלאַמען
מיט א ריינער שטרענגקײַט פֿון א ריכטער,
האָסט געהערט מיך בעסער פֿון א מאַמען
און גערעדט מיר שענער פֿון א דיכטער,

ביידע יונג און ביידע אומגעדולדיק,
ביידע טויב און שטום און גאָרניט שולדיק.

איך, דער נאַר, האָב פּונקט ווי אין א כאָלעם
דיך פֿאַרלאָרן דאַן, מײַן טויב מײַן שטילע.
דאָס איז דאָך מײַן שווידערלעכע קלאָלע,
וואָס כ׳געווין, פֿאַרלירנדיק אפֿילע, —

לידער, בלויע לידער, שטראַלנדיקע קוויטן —
פֿון מײַן אומעט, פֿון מײַן בענקשאַפֿט, פֿון מײַן ווייטעק.

1933

* * *

גרינע אלייעס פארנעפלטע סאָסנעס
וויגן זיך שלאנקע,
מיט כאָלעם מיט גרינעם פארהאנגענע.
דאָס זײַנען פרילינגען, גאָלדענע ווע‌טנעס,
ווע‌סנעס, אפּ אייביק פארגאנגענע.

גייען מיר, פרײַנט,
שפּאנען מיר, פריילעכע דורכגייער,
דורך גרינע אלייעס פארגאנגענע פרילינגען,
און מיר גארן נאָך פרילינגען נײַע
און זיי קומען אָן,
גייען דורך און — ניטאָ.

קוקן מיר אום זיך, די פריילעכע דורכגייער,
פּײַערלעך-ערנסטע, שטילינקע:
גרינע אלייעס פארנעפלטע סאָסנעס,
שלאנקע אלייעס פארגאנגענע פרילינגען...

סטאנציע לאזאָ [1]

אינ יענער רעגע,
ווענ מע האָט סערגיי לאזאָ געשלעפּט צום אויוונ,
אונ ס'האָט דער ווידערקאָל פונ דער מינוט
צעהילכט זיכ איבער מיזרעכדיקע שטרעקעס,
ווענ בלוט האָט שוועך פאַרפּלייצט
סערגייס פאַרפּייַניקטע, נאָר לויטער-בלויע אויגנ —
איז וואָס האָט ער,
סערגיי,
געטראכט אינ יענער רעגע?

אונ ווענ אינ דער מינוט דער לעצטער
האָט סערגיי לאזאָ געהערט דאָס העסלעכע, דאָס
הענקערישע סאָפּענ

---

1 סערגיי לאזאָ — א באָלשעוויק, אנ אָנפירער פונ די ווייַטמיז-
רעכדיקע פּארטיזאנער, וועלכנ די יאפּאָנישע אינטערווענטנ האָבנ פאר-
ברענט אינ א לאָקאָמאָטיוו.

פון יאפּאַנער אָפּיצערן,
איז וואָס האָט ער געטראַכט, סערגיי,
אין יענעם אויגנבליק
דעם בלוטיקן און שווערן?

און ווען סערגיי
האָט איינגעקלאַמערט אין פאָרענטש
דעם לעצטן קראַמפּ פון זיינע נעגל
און האָט דערזען פאַר זיך דעם גלוט
פון פײַערדיקע שטראָמען —
איז וואָס האָט ער געטראַכט
אין יענע שווידערלעכע רעגעס
אויף אָט דער סטאַנציע,
וואָס איצטער טראָגט זיין נאָמען?

זאָל זיין געבענטשט די בלויע שיין פון אויגן פון סערגייס,
די שיין די גרויסע און געטרייע,
די שיין אָט די דערגאַנגענע איז צו אונדז
און צום יאַפּאַנער אַרבעטער צום פּראָסטן.
זאָל דריי מאָל זיין געבענטשט די שאָ,
ווען ס'וועט דאָס פאָלק
אַראָפּדרייען דעם גאָרגל פונעם רויבער סאַמורייער,
וואָס האָט אויף אונדזער ריזן־גליק
זיך חוצפּהדיק פאַרמאָסטן!

און אין דער שלאכט
וועט פון דער שיַין אָט דער
דאָס הארץ דערמונטערט ווערן,
און מיר וועלן זיך לאָזן מיט א ליד
אונטער דער פירערשאפט פון דרייסטע קאָמאנדארמען.

און טאקע וועגן דעם האָט דאָך געטראכט סערגיי לאזאָ
אין יענעם אויגנבליק
דעם בלוטיקן און שווערן,
ווען אים האָבן געשלעפּט צום גליִענדיקן פיַיער-מויל
צעיושעטע יאפּאָנישע זשאנדארמען.

1938

פּרימאָריע

אָט דער קאַנט איז מיר ליב און איז טײַער,
ווי מײַן יוגנט, וואָס דאָ איז איר היים.
ס'האָט דער קאַנט זיך בײַ טײַכן פֿאַרטײַעט
און אין טײַגע פֿאַרשטעקט זיך געהיים.

אױף די בערישע גרינע געלעגערס
וואַרפֿט לעוואָנע אַ געלבלעכן רויך
און צו שטראָמיקע יאַמישע ברעגעס
קומען לאַקסן צו לייגן דאָס רויג.

און די יעגערס בײַ איינזאַמע שײַטערס
שפּרייטן אויס זייער זילבערנע רויב,
און זשען-שען-זוכער וואַנדערן ווײַטער,
ווי פֿאַרקישעפֿט אין דראַנג נאָך אַ טרוים.

נאָר די ווײַטע, די הײמלעכע ריאָלקעס
ווערן פֿול מיט אַ ראַשיקן טאָג,

און די גרינע צעפלאָסענע וואָלקנס
שווימען אָנ דאָ פֿונ וולאדיוואָסטאָק,

וועלכער האָט מיט א בלוט-שארפער ר[illegible]ע,
מיט אנטענעס פֿונ ראדיאָ-פֿלאם,
ווי א טיגער ווי אנ אוסוריער
זיכ געשטעלט בא דעמ ראנד פֿונעמ יאמ.

און וועג דאָ אינעמ האפנ-געוויטער
טוענ יונגענ א זונג וועגנ זיג,
טוט כאָנסיו און כאָקיידאָ א ציטער,
און שטאָט טאָקיאָ טוט זיכ א וויג.

אפ די ברייטנ די שטורעמדיק-רייפע
קוקנ סאָנים פֿאכדאָניש-פֿארגאפט,
און ס'ווערט שטומ סאמורײַישע געווע
בא דעמ בלענד פֿונ סאָוועטישער קראפט!

פרילינג

עס זײַנען געקומען די שטאָרכן,
דער הימל איז ווארעם און גרויס.
די קלאָר-ווײַסע פליגל צעוואָרפן
אָראנזשעווע שנאָבלען—פאָרויס,
מיט יונגן, מיט וועסנישן כאָרכל
אפ אוראלטן וואלדישן ברויז —
אזוי קומען אָנעט די שטאָרכן.

עס זײַנען געקומען די שוואלבן,
ווי שטיקעלעך ערדישע גרוי,
און פּיצעלעך גאָלדענעם שטרוי
זיי טראָגן צו נעסטן צו האלבע.
אפ העלן אפ וועסנישן שטראל-באן,
אפ אומזיס פון נעסטישן בוי —
אזוי קומען אָנעט די שוואלבן.

אונ אָט קומענ אָנעט די מענטשנ
אינ העל-גרינעמ בלענד פונעמ וואלד.
אונ שײַטערס זיכ האָבנ צעברענט שוינ,
אונ אויגנ זיכ האָבנ צעשטראלט.
אונ פול ווערנ שטרעקעס מיט בענטשונג,
אונ היימלעכע ווערנ זיי באלד —
אזוי קומענ אָנעט די מענטשנ.

אזוי וועט מען דערציילן

. . און אָט — אינמיטן פֿונעם ווײ און העפקער,
אינמיטן פּײַן, פֿארלאָרנקײַט און בראַנד
האָט זיך א הייב געטאָן אין בלוטיקע געפּעכטן
דאָס הערלעכע, דאָס וווּנדערלעכע לאַנד.

דאָס לאַנד געוואַקסן איז אין צײַן-קריץ און אין ווײ,
דאָס לאַנד געשטיגן איז אין שטראַלנדיקן וווּנדער,
און האָט אינמיטן בלוטיקן זאַוויי
באַפֿאַרבט מיט זון פֿון פֿרילינג דעם יאָרהונדערט.

ניט ס'ערשטע לאַנד פֿון שטאָל און פֿון טשוהון,
ניט וווּנדערפּראַכט פֿון גאָלדן-האַרבסטן שפּעטע —
דאָס לאַנד געוואָרן איז א שטיק מיט זון
אַף אונדזער מידער און פֿאַרפּײַניקטער פּלאַנעטע.

ווי שטרענג זי איז געווען. ווי שטרענג און צאַרט.
ווי שיין די ליבע איז געווען, ווי הייס די סינע,

ווי ווייכ זי איז געוועזנ אונ שרעקלעכ האַרט,
די דאָזיקע צעשטורעמטע מעדינע.

זי האָט מיט היץ אונ קאַלטקייט פונ א שווערד
די אַלטע ערד אפּסנײַ געגומענ קנעטנ.
זי האָט פאַרוואַנדלט אונדזער העלע ערד
אינ איינער פונ די פריילעכסטע פלאַנעטנ.

אונ איצט, ווענ גאַנצע ערד זיכ טרינקט אינ רויטנ גאָלד
אָנ וויי, אָנ שרעק, אָנ בלוטיקע פאַרדראָסנ —
דערמאָנט מיט צערטלעכקײַט, מיט זויבער-ריינעמ שטאָלצ
דאָס בלוט,
וואָס איז פאַר אײַכ געוועזנ פאַרגאָסנ.

אונ טוט א קוק, ווי העל, ווי אומגעוויינלעכ,
ווי וווּנדער-בלוי דער גרויסער הימל קווערלט.
אונ ס'זינגט צעווישנ שטערנס אונדזער היימלאַנד —
די פריילעכסטע פלאַנעטע אַפ דער וועלט!

★

בירָאבידזשאנער לידער

די ליד וועגנ דעמ ערשטנ דעקרעט

אָט די ערד איז געווענ אזוי ווילד, אזוי רײַכ,
אזוי הארב אינ איר בלענד ניט באהערשטנ.
אָט די ערד איז געלעגנ באמ ריזיקנ טײַכ
אונ מיט ציטער געווארט אפנ ערשטנ.

אָ, ווּ איז ער, דער ערשטער? באמ ברעג פונ אמור
האָבנ דערפלעכ געקלעפּט זיכ, ווי שוואלבישע נעסטנ,
אונ אינ טיפ—נאָר טײַגא אָנ א וועג, אָנ א שפור —
א פארבאָרגענע, הוילע אונ אוראלטע פעסטונג.

אָ, ווּ איז ער, אָט דער, וואָס ט׳א נעמ טאָנ אינ פויסט
אָט דעמ פלאָנטער פונ וואָרצלענ אונ צווײַגנ קודלאטע,
אָט דעמ ווינט, וואָס אפ בלאָטעס צעוואָרפענע ברויזט,
אָט די הויל, וואָס אפ שטרעקעס פארפענטעטע פלאטערט;

אָט די מיידלשע גרינקייט פון ראַנד און ביז ראַנד,
אָט די טייכן און טייכלעך, וואָס ברומען און כליניען?..

. . . .

(אין מאָסקווע, אין קרעמל, האָט אין דער האַנט
גענומען די פעדער כאַוווער קאַלינין.)

עס רייסן זיך אויצרעס פון דר'ערד--גאָלדן זאַמד,
רויטער מאַרמאָר און קוילן און אייזן און בלומען.
אָ, ווו איז ער, דער ערשטער, וואָס וועט אומפּאַרזאַמט
אָפּ די בלוילעכע שטרעקעס א מעכטיקער קומען,

דערהערן אָט דאָ, וואָס די ווייטעניש רעדט,
פון טיפן דעם גאָלדשטראָם פון אויצרעס א טרייב טאָן.

. . . .

(ס'איז אונטערגעשריבן דער ערשטער דעקרעט,
קאַלינין לייגט אָפּ די פּען אפן שרייבטיש.)

די ליד פון צוויי טראַקטאָריסטן

דורך פעלדער פון לאַנדיש, דורך וואַלדישער ברויזונג,
דורך זומפּן, דורך ווילדעניש נאַקעטער,
מיר האָבן באַוועגט זיך, מיר האָבן געפּרוּווט
אויף אַ נײַעם אַ גלאַנציקן טראַקטאָר.

מיר האָבן די ווינטרויבן ווילדע געריסן,
מיט בענזין און מיט טוי זיך געוואַשן.
מיר האָבן פאַרלאָרן זיך, צוויי טראַקטאָריסטן,
אין טויבע אין טײַגישע ראַשן.

אַרום איז אַ כוישעך. ניט ווערן קיין ווילדע,
איז פלעגט מען מיט ביימער פאַרברענגען.
און טײַגישער שוידער עס האָט אונדז פאַרהילט דאָ
מיט אוראַלטער שיינקייט מיט שטרענגער.

דער מאָטאָר האָט געראַשט און צעקלאַפּט די לעגענדע
פון שטומע פון טײַגישע ווייען.

און פּלוצעם — אָט דאָרט, בא דער וואַלדישער ענדע
דערהערן מיר ווילדע געשרייען!

עס האָבן זיך מענטשן צעשריִען אין יִישעוו
אַפ ראַנד פון דער טײַגע דער שטילער:
פאַר זיי
האָט דער וואַלד זיך צעשפּאָלטן —
און צווישן
אַרויס איז אַזוי ווי אַ שרעק, ווי אַ קישעפ
אונדזער זעכציקער-קראַפט קאַטערפּילער.

און נאָכדעם: „אַנטלויף!"
מע פאַרשווינדט הינטער שטאַמען,
פּונקט ווי ס'איז גאָרניט געווען דאָ.
זיי וואָלטן שפּעטער געשאַפן, מיסטאַמע,
אַ מאָדנע אַ נײַע לעגענדע.

נאָר ס'האָט דער מאָטאָר אָט דאָס שווײַגן צעריסן —
ווי ווײַט איז די צײַט שוין אַצינדער!
און ס'לאַכן צו אונדז, צו די צוויי טראַקטאָריסטן,
די גליקלעכע פרויען און קינדער.

1932

דאָס לידל וועגן דער סטאַנציע טיכאָנקע

אָט די בערג און פּליינען
זון פאַרפּלייצט איינגאַנצן...
געווען איז דאָ אַ קליינע
מיזרעכדיקע סטאַנציע.

אַ טיכאָנקע, אַ שטילינקע,
מיט פייערלעך מיט גרינע,
צען טויזנט ווערסט פון מאָסקווע
און הונדערט ווערסט פון כינע.

דאָרטן איז אַ סאָפּקע,
ווייטער איז אַ לאָנקע,
פּאַקט מען ווי אַ קאָפּקע,
טרייבט מען סאַמאָהאָנקע.

איינער נאָכן אַנדערן,
אויסקוקער און שפּירער,

פֿאָרן איבערוואַנדערער
מיט וועגן מיט סיבירער.

קומען זיי צו פֿליינען,
ווי זונען-שטראַלן טאַנצן —
א טיכאָנקע, א קליינע
א מיזרעכדיקע סטאַנציע.

מ׳טוט ארום א בלאָנקע
און מע גייט א האָפּקע:
זאַפּטיק איז די לאָנקע,
פּרעכטיק איז די סאָפּקע.

— מיר פֿאַרבלייבן, הייסט עס, דאָ
בויען נייע היימען!
— זאָג נאָר, מוישע, וואָס איז דאָס —
א טיגער, צי א בהיימע?

אויב א טיגער, איז ניט שלעכט,
א בהיימע—גאָר נישקאָשע...
שוויגער לייע, טיגער-פֿלייש
איז מיסטאַמע קאָשער? —

אָט די בערג און פֿליינען
זון פֿאַרפֿלייצט אינגאַנצן,

454

שוינ ניטאָ די קליינע
מיזרעכדיקע סטאנציע.

א רוישיקע, א שטאָטישע,
אהערנ אונ אהינענ,
מיט ראפּאָרטנ צו מאָסקווע
אונ מיטנ אויג—צו כינע!

1931

די ליד וועגן דער ווידערשפעניקער טײַגע

ס'באַרימט זיך טײַגע און צעשמאָלצן שיר זי ווערט
פון איר צעווירטער ווילדקײַט דער געהיימער.
— איר זעט?
— איר הערט?
סע צוואָגן טײַכלעך מיר די וואָרצלדיקע בערד
און ס'קעמען ווינטן מיר די קאָלטנס פון די ביימער.

מײַן הויכע גראָז האָט ווייניק ווער באַטראָטן,
כוץ בערן, פּיקסעלעך און פלינקע בורונדוקן.
אַף מײַנע ווילד-צעוואָיעטע באַראָטן
סע קנאַקן וועווערקעלעך ניס אַף פליכעוואַטע סוקן,
און שוואַרצע פלעדערמײַז אין הוילער נאַכט זיך טוקן.

צום וואַסער קומען איינזאַם-שטאָלצע הערשן,
און מײַנע ווינטן רעגן זיך און בלאָזן,
און ווער סע זאָל ניט קומען מיך באַהערשן,

ווער איך ניט לאָזן!
הערט? איך ווער ניט לאָזן!

איר האָט פון לאַנג באַהערשן מיך געוואָלט,
נאָר איך בין אַזוי גײַציק, אַזוי גאַליק,
אין מײַנע בוזעמס ליגן פודן גאָלד,
אין מײַנע הײלן — אוצרעס בלאַנקענע שטראַליק.

ווי א שפּור שוין —
זומפּן כלעפּטשען,
בלעטער שורשען,
ווינטן שעפּטשען —
קומט איר אָן אין ענגע ריי‏ען,
און די ביימער מײַנע קראַכן,
פאַלן אום אף גרינע פלאַכן
מיט געיאָמער, מיט געשריי‏ען...

און די העק — זיי רוישן פרעכע,
וועקן אוף אין מיר אַן עכאָ,
און די אײַזנס ריטשען, הוילן,
זוכן זילבער, גאָלד און קוילן! —

גיי איך שיר אַראָפּ פון זינען,
און איך צינד זיך אָן מיט סינע,

און די ווינטן מײַנע בלאָזן:
כ׳וועל ניט לאָזן, כ׳וועל ניט לאָזן!

. . . .

וואָס איז דער טומל?
מ׳דארף אזוי ניט קוויטשען און ניט שימפן,
עס העלפט דען, אז מע ווילדעוועט און שעלט?
מיר
האָבן זיך פארקאָנטראקטירט
ניט ביזן סאָף פון פינפיאָר,
נאָר ביזן סאָף פון אלע טײַגעס אפ דער וועלט!

1931

די ליד וועגנ וואלד

די העק אינ די הענט אונ די טײַגע אונדז גריסט,
אונ דער פראָסט נעמט אדורכ דורכנ לײַבל.
— קיינ איינ פארטייער, קיינ איינ קאָמיוגיסט
טאָר אינ דער היימ ניט פארבלײַבנ!

זינגענ די זעגנ — א קנאל אונ א שפאלט,
זילבער פונ שנייענ-זאווייענ.
איר זעט, ווי עס שרעקט זיכ א ביסל דער וואלד:
די דרייסטע דעראָבערער גייענ!

אלע אינ וואלד — ווער יונג איז אונ שלאנק,
דאָס לאנד האָט אונדז איצטער באפוילנ,
פונ שנייִקנ זילבער, פונ זעגנ-געקלאנג
זאָל ברויט זײַנ אונ טראקטאָרס אונ קוילנ.

אונ אויב ס'וועט דער סוינע פארוועלנ מיט גוואלד
אונדזער גליק אונדזער גרויסנ צעטרעטנ,
מיר וועלנ פארוואנדלענ דעמ עקספאָרטנעמ וואלד
אינ אנ עקספאָרטנעמ וואלד פונ באגנעטנ!

1932

די ליד וועגן פישפאנג

...מייַנ מאמע גאנווועט פיש אינ מארק...
(אנ אלטע ליד)

אונ אָט דאָ — אמור איז, אונ אָט דאָרט — דאָס לאנד איז,
זעגלענ רוישנ, כוואליעס שטראָמענ, גרויסע נעצנ זינקענ.
אפ די כוואליעס וויגנ זיכ די פישערשע שאלאנדעס,
אונ די פישערס רייכערנ אונ וויצלענ זיכ אונ זינגענ.

ס׳בושעווענ די כוואליעס!
ווינטנ זייַנענ פריש!
נעצנ זייַנענ פעסט!
הארפונעס זייַנענ שארפ! —
מיר דארפנ האָבנ פיש?
מע דארפ!
מע דארפ!

ס'פּלעשטשענ זיכ די פישנ אינ די נעצנ דינע
אונ האַרפּונעס טוענ זיכ צו כוואַליעס-שוימ א ריס,
גלייכ אנטקעגנ כינע
גייט דאָ די פּוטינע. —
מיר דארפנ האָבנ פיש?
מע דארפ!
געוויס!

נאָר ווי בינ איכ עס דאָ, ווענ ס'בלאָזט א ווינט א פרישער?
נאָר ווי קומ איכ אהער?
וואָס איז עס פאר א נעמ?
היי! איכ בינ אויכ א יונגער א געזונטער פישער.
וואָס איז דענ, אויב איכ שטאַמ
פונ קריטשעוו צי אָדעס?
ס'בושעווענ די כוואַליעס!
ווינטנ זיינענ פריש!
נעצנ זיינענ פעסט!
האַרפּונעס זיינענ שאַרפ! —
מיר דארפנ האָבנ פיש?
מיר דארפ!
מע דא-ארפ!

פאַנצערלעכ אפ פישנ — זאַמטיקע אונ בלייכע,
הענט אונ פיס פארברוינט פונ ווינטנ אונ פונ זונ.

— וואָס לאכסטו?

— וואָס איכ לאכ? עס זאָגט שאָלעמ-אלייכעמ:
דאָקטוירימ הייסנ לאכנ. לאכנ איז געזונט!

— א קטאָ אָנ?

— ס'ארט דיכ, ווער!
די ווינטנ זײַנענ פריש!
נעצנ זײַנענ פעסט!
הארפונעס זײַנענ שארפ!—
מיר דארפנ האָבנ פיש?
מע דארפ!

מע דארפ!

די ליד וועגנ דעם אנטלויפער

ער איז אנטלאָפנ, אנטלאָפנ געהיים,
מיט זיכ די ספעצקליידונג פארנומענ אינגאנצנ.
ער האָט געבראכט נאָר א פליכ פונ דער היימ
אונ פערענעס צוויי מיט קאטרילעווקער וואנצנ.

פארקויפט מיט רעווער זײַנ האָב אונ זײַנ גוטס,
געכיכקעט: „וואָס ארט מיכ,
צי מיזרעכ, צי דאָרעמ?..״
ער האָט זײַנ מאלבעש פארקויפט אינ אירקוטסק
אונ האָט געקלאָגט:
„טוט א קוק, ווי כ׳בינ אָרעמ!״

ער האָט געמאכט אזא קאָשערנ פארצעפ:
„ערלעכ, קאָניעטשנע, נאָר באָרוועס אונ נאקעט...״
אונ אינ זײַנ דורכגעפוילט פיצעלע הארצ
האָבנ געפילנ פאכדאָניש געקוואקעט.

האָט ביראָבידזשאנ אימ א זאָג געטאָנ שטיל :
— דו האָסט וועג געזענ א שיינקײַט אזא מינ ?
עס איז דאָ א שטורמישער ווינט אָנ א מיל —
לאָמיר די מיל איצטער בויענ צוזאמענ.

דו האָסט דענ געקלערט וועג, דו האָסט דענ געפלאנט
פארמאָגנ א לאנד ?—נאָר ער וויל נישט אונ קאָנ נישט.
— וואָס שיינקײַט, וועג שיינקײַט, וואָס לאנד אונ וועג
לאנד,
אז ער אונ זײַנ הארצ זײַנענ קליינ אונ קאפצאָניש.

האָט ער געגראגערט :
„גיט נאָכ ! ס'איז מיר שלעכט !
גיט וועש ! ס'איז מיר פינצטער !
גיט שיכ ! ס'איז מיר ביטער !”
אונ ביראָבידזשאנ האָט אינ טײַגע-געפלעכט
געהויבנ די גאָרנס פונ העלנ געוויטער,

געריסנ די גרויקײַט מיט מי-דינאמיט,
מיט גלאנצ פונ די זעגנ,
מיט גלי פונ די שלאכטנ —
אונ ער האָט געקרעכצט,
פונקט ווי ער איז שוינ מיד,

א גוטע פּאָר קאָפּקעס פאַרדינט אין דער מיט
און נאָכדעם אנטלאָפן אזוי, ווי א פּאַכדן!

די ארבעט גייט ווײַטער. היי, ציגל און ליים!
פאַרבוי מיט בעטאָן די פאַרזומפּיקטע הליבע.
שטייט פעסט אַף די ערטער!
מיר בויען די היים
מיט צאָרן פון האס
און מיט קלאָרקייט פון ליבע!

1932

די ליד פון סמאָלע־גיסער

קומט די זון אין א העלן פארבײַגײַן
אפ װאלדישע סטעזשקעס אפ שמאָלע —
אינמיטן פון זוניקער טײַגע
גיסן מיר דופטיקע סמאָלע.

א כינעזער- און ייִדן-כאליאסטרע
צװישן קלאָרקײַט פון װאלדישן שװײַגן
און די ברוסטן, װי זומער, צעכראסטעט
און דער פראָסט טרעשטשעט צו מיט די צװײַגן.

און דער פראָסט טרעשטשעט צו מיט די צװײַגן
אפ װאלדישע װעגן אפ שמאָלע —
אינמיטן פון זוניקער טײַגע
גיסן מיר דופטיקע סמאָלע.

דאָס לידל פֿונעם קליינעם גרענעצלער

מיט מײַן בעסטן כאַווער באָרעכ
כ'גיי אין טײַגע שטיל אַרײַן.
כ'בין אַ גרענעצלער געוואָרן
און אַ גרענעצלער כ'וועל זײַן.

ס'פֿאָרט מײַן ברודער מײַן געזונטער
אויף טראַקטאָר אַזוי גיך,
ער איז פֿעסט און ער איז מונטער,
און ער מעג זײַן שטאַרק בײַ זיך.

מײַנע שוועסטערלעך אין גאָרטן
טאַנצן, שפּילן, פֿול מיט פֿרייד,
און געלעכטער קלינגט פֿון דאָרטן —
שפּילט זיך, טאַנצט געזונטערהייט!

בײַ די ביימער גייט מײַן טאַטע,
ס'דופֿטן בלומען דאָרט געשמאַק,

דױטער מאָן און װײַסע מיאַטע,
בינען זשומען, ס׳שרײַט א גראַק.

זאָל דער טאַטע ברענגען יענעם
לינדן-האָניק, זיס און פריש.
עס איז גוט באַװאַכט די גרענעץ,
מעג זײַן רײַך געגרײט דער טיש!

מיט מײַן װײַלן כאַװער באָרעכ
גײ איך אום באַם גרױסן ראַנד.
כ׳בין א גרענעצלער געװאָרן,
איך באַװאַכ דאָס גאַנצע לאַנד!

די ליד וועגנ זיכ

איכ בינ א יונגער. כ׳האָב נעכטנ פארנאכט
געשפּאסט אָנ א שיר אונ געבענקט אָנ א סיבע.
נאָר איכ בינ א יונגער — דאָס הארצ מײַנס איז וואכ,
אונ הייס איז מײַנ סינע, אונ זויבער — מײַנ ליבע.

מײַנ ווילנ פּולסירט האָט אינ יעדנ געוועט,
מײַנ מוסקול געברויזט האָט אינ יעטווידע זיגנ,
אונ איכ האָב אינ אופּרײַס פונ וואָרצלענ גערעדט,
אונ איכ האָב אינ שטילקײַט פונ ווילדגראָז געשוויגנ.

גערייטנ האָב איכ בא אמורישער שוועל
מיט שטאָלצקײַט, וואָס יענער ברעג קוקט מיט א סינע.
אונ איכ האָב פארשאָלטנ די שלענג אונ די וועלפ,
אונ איכ האָב גערימט מײַנ צעבליטע מעדינע.

אונ זאָגנ דעם עמעס — כ׳האָב אויכ דאָ געוויינט,
כאָטש דאָס איז ניט וויכטיק, אז עמעצ זאָל וויסנ, —

678—9

ווען כ׳האָב וועגן גאָרקי און קיראָוו געלייענט,
ווען אייגענער פּײַן האָט דאָס הארץ מיר צעריסן.

נאָר יונג בין איך אלץ און ס׳איז קלאָר מײַן געזיכט,
און איך וועל מײַן ברויזיקן דאָר ניט פאראטן,
זינג איך די רויִקע ליד וועגן זיך,
די ליד וועגן מענטשן אין לאנד פון די ראטן.

אין שטראַלן פון גרויסער, פון צערטלעכער זון,
אין זויבערן ציטער פון עמעסער פרײַנטשאפט
זינג איך די ברויזיקע ליד וועגן אונדז,
די ליד וועגן ליבע, געוואגטקײַט, געטרײַשאפט.

7 מײַ 1934

אין זיבעטן טאָג פֿונעם כוידעש מײַ
איז באַגינען געגאַנגען אַ רעגן.
ער האָט לוסטיק געקלאַפּט
אין די דעכער פֿון שטאָט,
אין די ברעטער פֿון נײַעם געבײַ,
און נאָכדעם אַוועק
צו די גרינע אַמורישע ברעגן —
אַ לוסטיקער רעגן,
אַ פֿרײלעכער שטיפֿער
אין אָנהייב פֿון כוידעש מײַ.

דערנאָך זײַנען שילער געלאָפֿן אין שול,
זיך געפּליוסקעט בײַ בלאָטיקע ברעגעס,
און הינטער דער סאָפּקע
איז ערנסט און כאָשעוו
אָט ערשט די לעוואָנע פֿאַרגאַנגען.

און טשערעדעס זײַנען ארויס,
און ס׳האָבן געלאָזט זיך די יעגערס
קעגן מײַיִשן ווינט
צו דעם ווײַטן, פארטרוימטן כינגאן.

און ווען די זון האָט געגעבן א בלענד
איבער ברייטן פרימאָרגנדיק-בלאָע
און האָט זיך מיט צערטלעכע שפּיזן
געטאָן אין די פענצטער א שאָט,
האָט געגעבן א צי זיך
פארפולט מיט געזונטער האנאָע
מײַן ליבע, מײַן יונגע,
מײַן נאָ׳נטע,
מײַן היימישע שטאָט.

און זי האָט זיך צעבאלעבאטעוועט פלינק.
אפ פורג געשיקט האָט זי זריִע,
אפ טראקטאָרס און אווטאָס —
געטעסעטע קלאפּטערס,
און ציגל און רעלסן-געקלאנג.
זי האָט מיט סירענעס פון יונגע פאבריקן
פארשריִען די ווײַטעניש פריִע
מיט „קו-ום!..‟ און מיט „טו-ו!..‟
און מיט אזעס פון יוגנט און דראנג.

און דער ווינט איז אין פענצטער אריַין, ווי א גאסט,
און געבראכט מיט זיך שיינע מאטאָנעס:
וויַיסע דופטן פון פרילינג
און פויגלשע קוילעס,
קאָלירן פון גרינס און פון קראָן,
א פריילעך געפילדער פון קינדער,
דאָס טראסקען פון פולע וואגאָנעס,
ער האָט א שוועב געטאָן איבערן טיש —
האָט צעקלונגען זיך דער טעלעפאָן.

ווער האָט עס גערעדט?
צי די פריילעכע שטים פון מיַין שאָכן,
צי דאָס האָט דער שטורמישער קאָל פונעם ווינט
זיך געריסן מיט יאָנטעוו פון דאָרט,
צי דאָס האָט מיַין הארץ
זיך צעפראלט אפן ווינט,
ווען זיַין קאָל האָט אין פרייד זיך צעבראָכן:
— געמאָלדן א געגנט!
מיַין ערן קאָמיוגיש וואָרט!

דערנאָך, אפן מיטינג אין שטאָט,
טרעט ארויס א קאזאק אן אמורער,
און גלעט זיך די באָרד
און באגריסט אונדז

און טאַנצט מיט די ייִדן א שער.
דעמלט צעטראָגט זיך אין ברויז פון אָרקעסטער
א פעסטער, א זילבערנער שטורעם, —
און כאַנע, א מאַמע פון קינדער,
פארלירט אפן רעקל א טרער.

און כ׳זאָג איר:
— דו ווייַנ.
ס׳טרעפט אַמאָל, אז דאָקטוירים אליין הייסן ווייַנען.
ניט שעם זיך, אָט פלאַטערן פאָנען
אפ ווינטן, וואָס שטורעמען דאָ.
מיר האָבן פארדינט אָט די געגנט
דורך שלאַכט קעגן סאָנים געמיינע,
דורך וויי און דורך מי
פארן גליק פון אזעלכע, ווי דו.

דו נעם אָט די טרער אפ די פינגער.
ניט שרעק זיך, וואָס קוים זי צו אָנזען,
ניט מיין, אז א טרער איז נאָר וואַסער —
אזא מין-אָ טרער איז מעטאַל.

און ווידער צעשאַלט זיך דער ברויז פון אָרקעסטער
מיט קלאַנגען פון קינפּטיקער בראָנזע,

און ווידער צעשטראָמען זיך מענטשלעכע רייען
מיט רויש פון א בארגיקן קוואל.

ס׳איז שטאָלץ אונדזער פרייד
און די שטאָט איז הײַנט שטאָלץ און דערהויבן
און פול מיט די ווינטן פון פרילינג,
מיט שווונג פון א נײַעם געבײַ,
און ס׳שטורעמט די שטאָט
און זי בליאסקעט מיט אָפענע שויבן
אינעם מעכטיקן צוג-ווינט פון גליק,
אינעם זיבעטן טאָג פון מײַ!

א בריוו צו כאַיִם־נאַכמען ביאַליק

ווען אמור איז זילבערדיק און כוואליק,
און מיט דופט איז פול די גרויסע וועלט,
מיר דערמאָנט זיך
כאַיִם-נאַכמען ביאַליק
און זײַנע ליד, זײַנע ליד וועגן דעם פעלד.

אין זײַן וועלט פון צאָרן און פון ענגשאַפט
האָט ער טיף געפילט די שווערע לאַסט.
שטאַרק געבענקט — נאָר ניט מיט אונדזער בענקשאַפט
ניט מיט אונדזער האַס האָט ער געהאַסט.

גרויסער דיכטער,
כאַיִם-נאַכמען ביאַליק,
וואָס זשע זאָגט מען אײַך, ווען איר זײַט טויט,
איר זײַט טויט, די כוואַליעס זײַנען כוואליק,
און עס גלאַנצט דאָס פעלד אין טראָפּנס טוי.

איבער אונדז סע שײַנט א ברייטער הימל
און סע שמעקט דאָס פעלד מיט ווינט און קימל,
און סע שיקערט מיך דער העלער רוים —
ס׳ליגט דאָס פעלד אין אָונטיקן דרימל
שענער טויזנט מאָל פון אײַער טרוים.

שניטער זינגען אינעם פעלד אין ריינעם, —
אָבער דאָרט, אין פרעמדלענדישער ווײַט,
זײַנען נאָך ביז איצטער ביאליקס לייענער
אָפּגענארט, צעבראָכן און פארשפּײַט.

און איך שרײַ זיי
פון דער בלויער שוועל דאָ,
כאָטש דער עכאָ קומען זאָל צו זיי:
מײַנע ברידער,
אָפּ געבענטשטע פעלדער
זייען מיר דעם פרעכטיקסטן פארזיי!

מײַנע ברידער,
אין א יעדן שטיבל,
אין א יעדער שטאָט און יעדן דאָרף
אונדז באגעגנט ווארעמקײַט און ליבע,
ניט ווי אײַך, די ברידער מײַנע — דאָרט.

איבער אונדז סע פלאטערט דער אָקטיאבער,
און מיט ביקס מיר היטן וואלד און פליין
ניט קעגן פארקנעכטיקטע אראבער,
אָבער קעגן פײַנט
און קעגן שלענג,

קעגן די, וואָס ווילן פאר די פעלקער
אין לאנד פון אונדזער שטורעמדיקן טראָט
אפ אייביק אויסלעשן די שטראלנדיקע העלקײַט,
א געטאָ אופשטעלן פון שטעכעדיקן דראָט.

איבער אלע ראנדן — הערט איר — שרײַ איך
פונעם ברייטן, זינגענדיקן פעלד:
אונדזער לאנד געפאנצערט און געטרײַ איז
קעגן אלדאָס העסלעכס אפ דער וועלט.
אונדזער לאנד
ז'דער יאָדער פון באפרײַונג
אונדזער לאנד, דער בויער און דער העלד!

אָטריאדן פון האָרילעס דאָרשטיקע און גאליקע,
איר ציט צו אונדז א בלוט-באפלעקטע האנט,
און איין אָטריאד —
א יידישלעכער קריפל און א קאליקע —
וועט אויך וועלן א פיק טאָן אין דער פיאטע פונעם לאנד,

און מעגלעך,
אז פּאָרויס
װעלן זײ טראָגן דעם פּאָרטרעט
פון חיִם-נחמנען ביאַליקן —
ניט זײַן שאַנד װעט עס זײַן, נאָר זײער שאַנד!

און דאַן װעט שױן ניט זײַן קײן אָרט פאַר בריוו און לידעלעך,
קײן אָרט פאַר רײד, װאָס מ׳זײַערט און מע לױזט,
קײן אָרט פאַר בײמעלעך, פאַר ציצעס און פאַר ייִדעלעך.
דאַן רײדן װעט דער טאַנק,
דער מאַוזער
און די פױסט!

די ערד, ווו איך בין געליקלעך

כ'האָב דאָס פערד ניט אָנגעזאָטלט
און א שפּרונג געטאָן אַף אים,
און עס האָבן בלויע שאָטנס
זיך א וואָרף געטאָן פאַרבײַ.
איך האָב שנעל פאַרלאָזט די שטאָט,
און ס'האָט פון וואַלד די העלע שטים
זיך צעהילכט און זיך צעשאָטן
און צעשפּילט זיך פראַנק-און-פרײַ.

כ'האָב באַ בינשטאָקן געריטן,
כ'בין דורך צעדער-וואַלד געגאַן
און געזען דעם גרויסן פרידן
פון בירע און ביז כינגאַן.
טײַכלעך באַרגיקע — אַריבער,
בערגלעך גראָזיקע — פאַרבײַ,
און געפילט דעם גרויסן פיבער
פון א פרעכטיקן געבײַ.

ס׳האָבן ייִדן מיך באַגעגנט.
מיט צעשויבערט־שוואַרצע בערד
זײַנען זיי אַרויס אַנטקעגן,
אַזש געציטערט האָט די ערד.
ס׳האָבן העק געבליאַסקעט שטאָליק
אויף די פּלייצעס, בײַ דער זײַט,
ס׳האָט געהילכט: „אַלייכעם־שאָלעם!“
אַזוי האָפּערדיק־פאַרשײַט.

אויף די פעלדער האָבן פרויען
מיך מיט שמייכלען צאַרט באַגלייט,
כ׳האָב נאָך לאַנג געזען אין סאָיע
מײַן געליבטערס ווײַסע קלייד.
און אין שטילע יעגער־הײַזקעס
איז פאַר מיר געלעגן גרייט
האָלץ און שוועבעלעך און שפּײַז־קעסט,
און געהייסן האָט עס: פרייד.

ס׳האָבן קינדער מיך באַגעגנט,
און זיי האָבן מיך דערקענט,
מיט געפילדער זיך געזעגנט
און געפאָכעט מיט די הענט.

אויף די זוניק־ברייטע ריאָלקעס
כ׳בין געפלויגן, ווי אַ ווינט,

כ׳האָב געזען: דאָס אלטע פאָלק מײַנס
וואקסט און קרעפּטיקט זיך און גרינט.

און כ׳האָב זיכער אָפּגעוווינג
אין דעם ברויזיקן שפּאציר,
אז פאר אָט דער געגנט טויג איך,
און די געגנט טויג פאר מיר.
און כ׳ווער ענלעך צו די וועלדער,
צו די פעלדער, צו דעם טײַך.
כ׳ווער, ווי אָט די ווײַטן, העלדיש,
און ווי אָט די ערדן, רײַך.

★

אינהאלט

זייט

די גרויסע וועלט 3
אין יעדנס בליק 4

פּאָעמעס און געשיכטעס

צוג נומער 42 6
א שטאָט ווערט געבאָרן 30
דאָס וואלד־מיידל 36
לעוואָנע־סאָנאַטע 44
ארמאַן וואַטאָ 51
הערבערט וועלס 68
מענדעלע 76

לידער

שטאָלץ 81
יאָנטעוו 83
די בלומען פון ברענטא 86
אונדזערע באָבעס 89
שווימענדיק איבערן דניעפּער 91

אונדזער ערד 92
היגטער דער טיר 94
בארקארָלע 95
אָקטיאבער 96
איגעם טויער פוג די וויַטקיַיטג 97
גריגע אַלייעס 99
סטאנציע לאזאָ 100
פרימאָריע 103
פרילינג 105
אזוי וועט מעג דערציילג 107

ביראָבידזשאנער לידער

די ליד וועגג דעם ערשטג דעקרעט 109
די ליד פוג צוויי טראקטאָריסטג 111
דאָס לידל וועגג דער סטאנציע טיכאָנקע 113
די ליד וועגג דער ווידערשפעניקער טײַגע 116
די ליד וועגג וואלד 119
די ליד וועגג פישפאנג 120
די ליד וועגג דעם אנטלויפער 128
די ליד פוג סמאָלע־גיסער 126
דאָס לידל פוגעם קלייגעם גרעגעצלער 127
די ליד וועגג זיכ 129
7 מײַ 1934 131
א בריוו צו כאַיִמ־גאכמעג ביאליק 136
די ערד, ווו איכ בינ גליקלעכ 140